She tumbled back among the sheets and their gazes locked. Feeling her own breath quicken, she could almost touch the tension that thumped through his limbs, circulating blindly, needing an outlet. Then, without preliminaries he kissed her and without words he took her, dressing and leaving immediately after. She waited through many plainful days till he called at her place again.

"That was cruel," she whispered by way of greeting.

"What it, Amy — love?" he said, realsing that he had control now and that she would no longer laugh at him. "Was it, really?"

One of those inexplicable switches in their balance of power was taking place: her eyes betraying capulation; his arrogance accepting victory.

The way her mouth trembled as he kissed her exposed this vulnerability. Eyes, so recently expressing sardonic laughter at his posturing, filled, instead, with acquiescence. But, like a fox well ahead of the pack, sensing the pitfalls of such exposure, she suddenly wrenched herself away from the beguiling openness of sunlight, urgently fleeing to the familiarity of darkened concealment.

Too slowly perhaps, too late. Richard's sighting of his quarry, momentarily frozen by the fear of destruction, excited him. Now he flexed his faculties at the prospect of the hunt. Amy watched him gather his power. She watched the waves of it flow over him, and she shivered. With apprehension, however, mingled anticipation; an intensely female, almost atavistic acceptance of the struggle she knew must follow.

They met often between lectures at the university. They made love when it pleased them, which was mostly. And though not so pleasingly, but just as often, they seemed to be compelled into conversations which hurt.

"Are you studying Law," she asked him one day in the cafeteria, "because you see yourself as a Clarence-Darrow-type barrister, or because you really care?"

"Neither," he shrugged. "I care about the cash I can earn. It's as simple as that."

"But . . ."

"But nothing," he snapped. "You seem to think that if everyone doesn't have a holy commitment to everything he does, life isn't worth living."

"That's not true. I'm materialistic enough as far as self-preservation goes, but hell! How you spend your life **is** important enough for some sort of commitment."

"I'm committed to comfort, baby," he said, squeezing her thigh in a way that both excited and enraged her.

"Well good for you, then. That's not my scene. It never has been." She rose to walk away, but he grabbed her arm impatiently.

"I love **you,**" he said. "I'm commited to **you.** Isn't that enough?"

"I don't want that. I never have," she replied harshly. "And I've told you so before. You're not my kind. You're not what I'll ultimately need. There's too much I want to do before I could even contemplate settling for your brand of mindless comfort." She flung that last word at him with incalculable scorn."

"Ah, so you've got it all planned."

"Not in any great detail, but I do know where you fit in."

"Bad choice of words, Amy — love. I fit very nicely into your lit . . ."

"Shut up, you bastard."

"Truth hurt?"

"No, you just sicken me, that's all."

This time she did walk away, and predictably enough he appeared at her flat a few hours later. She slapped his face in lieu of saying hello, and he pushed her roughly into the hallway, slamming the door behind him.

"Oh God," she said, shutting her eyes tightly. "I don't need this. You young men of German descent still have the storm-trooper instinct."

She could not resist baiting him,, but, opening her eyes in response to his long silence, she saw raw hurt staring back at her. It made her cringe.

"I'm sorry Rick. Hell, I am really sorry. I shouldn't have said that. But there is a past."

She took him in her arms but his body was rigid. He withdrew.

"I know you hate some things about me," he said quietly, "but that was low."

"Stop it. Please — just stop it," she pleaded. "Hit me back, or **do** something, **anything.** But don't stand there hurting. I can't handle it."

"Well, isn't that one for the cards, Amy — love?" You're stumped and you don't like it. 'An eye for an eye; a tooth for a tooth.' Isn't that what your Good Book says?"

She said nothing, just touched his face gently with the long fingers he loved to kiss. He was not as impervious as he seemed for he hugged her fervently and she felt his carefully constructed power-mask cracking.

"Don't do that to me again," he said, his voice gritty with suppressed pain. "I love you."

Now it was her turn to freeze, but he was so immersed in his own tragic interpretation of the events that he did not notice. He continued to stroke her hair.

Glancing at him affectionately, she sat up in bed one evening and lit a cigarette.

"You know, you're really not my type," she said, inhaling deeply. When he did not reply she blew a series of perfect smoke-rings.

"I mean, if we look at this thing objectively," she continued, "there are no two people less likely to come together than us. We've got virtually nothing in common if you stop to think about it."

Spurred to speech by the flippancy of her tone, he rolled sideways onto his arm and said thoughtfully, "We make love well enough. I can't imagine your enjoying yourself like this with any other guy you've hopped into bed with."

"There haven't been that many."

"Hardly the point, Amy — love. When we do it, it solves a lot of the problems we seem to have otherwise."

"Dreams and more dreams."

"Sometimes I wonder who is the real dreamer," he said softly. "At least the things I talk about are real. **This** is real. All you can do is spout fantastic speeches."

"Maybe so," she said absently, running her fingers through the fine profusion of golden hair on his chest. Too content to challenge.

They drove to the mountains one weekend when the snow was melting; a damp farewell to a splendid winter. She inhaled the sharpness of the air and felt her lungs contract with a strange, choking affinity to the stark beauty around her.

"This is us, you know," she said meditatively. "The loveliness and the ugliness. Oh God, Rick, why do I feel like this?"

"What alternative is there?" he said, but she had grown immune to his smug complacency.

"None. I need you and your crazy, magnificent body more than I've ever needed anything."

"Oh Christ, the drama, the drama."

"Don't laugh at me Rick."

"I can't help it."

She aimed a swift, accurate kick at his rump, and ran laughing through the slippery grass and mud till she collapsed, breathless, against a granite boulder that had viewed impassively too many intoxicated lovers imagining they had found ultimate freedom in the vastness of the surrounds.

Rick grabbed her and pulled her to him with his characteristic impatience.

"Not here, idiot!" she screamed, not wholly in jest. "I'll catch pneumonia. I'm always the one on my back, you chauvinistic slob!"

"Have you got a slogan for every situation? Can't those jaws of yours ever stop moving?"

"Wire them shut, if it annoys you," she replied.

"I've a better idea," he said, crushing his lips to hers violently so that speech was impossible.

With his jacket as a shield against the ground, they moved with the imperfect cadence of lovers greedily impatient to match each others' rhythm. And when it was icily over he shivered, not so much from the cold as from exhilaration.

"I was always told that you people were something special," he said, the lightness of his words not concealing the seriousness of his mood.

"Mhm," she said dreamily, "Five thousand years is a long time to perfect any skill."

"Oh Jesus, he moaned. "You intellectualise everything."

"Ah, we're a people of the Book, Rick. Could I be any different?"

He stopped her spate of words by kissing her once again, this time without lust; an attempt to find peace in silence.

"Sometimes I wonder whether you imagine you're getting paid by the word," he said wearily as they trudged back to the car.

Some months later, with the heavy sounds of disco-rhythm assaulting their senses, they danced under the stroboscopic lighting of the 'Bumping Barn.' They smiled at each other often, saying little because of the extravagant level of the music. Then a friend cut in, spiriting Amy away, leaving Richard staring at the lanky, bespectacled girl whom the intruder had so adroitly deserted.

Later, when he and Amy were united at a lull in the cacophony, Richard said:

"That's the fourth time it's happened tonight and I'm sick of it. Why can't they dance with their own girls?"

"Agreed. Why don't you fight it?"

He touched her hair fleetingly. Is it worth fighting for?"

"If it's not, that's like saying I'm not."

"Perhaps."

They were silent, allowing the foibles of the disc-jockey's musical preference to ride over them in waves of quadrophonic foolishness.

"There is **one** thing worth fighting for," he said finally. "Justice."

"Wow!"

She breathed deeply. "That is one hell of a lofty thing to say, you pretentious bastard."

"Ah, the gentleness of your putdowns," he said, chuckling mirthlessly.

"Put downs?" She could not keep the incredulity from her voice. "What about the cash? The all-important green-stuff? Not two months ago you did a rave to convince me that it, and it alone, motivated you. Justice, if you'll forgive me, was hardly the point."

"I can't stand it when you're so encouraging," he answered. "Mock me a little."

"Our whole **relationship** is a mockery, isn't it, Rick?" she countered shakily, the pitch of her voice rising higher. "And sometimes you are just so absurd. I mean, what **you** see as justice won't necessarily **be** justice to anyone else but you. It's such a relative thing." She took another deep breath. "It's also incredible to be discussing it here. I don't think that the Bee Gee's wrote their music with the idea of having bull-shit intellectualizations for harmony."

"You're avoiding the issue," he said flatly.

She suddenly flared. "What is this, a cross-examination?"

"What are you on about? Of course not. Just cool it a bit." He seemed surprised at her outburst.

"Anyway, do you really think I'd try to pry into your little secrets, Amy — love? If I thought you had any, that is."

"No." She bit her lip, glad of the room's demi-light. "I'm sorry. It's just that all this talk about justice ties in with . . ." Abruptly she stopped herself.

"Ties in with what?" He was curious now.

"Nothing, nothing. Forget it."

His reply was to dance with her in his self-absorbed manner until they were too tired to think, let alone spar. Later that evening, he brought her to his bed and they made mindless, graceful love from which no ecstasy spurted. But it involved them and enveloped them in a duality of cool pleasure that seemed as unending as it was meanless.

The next day they met between lectures for coffee.

"Interesting stuff, today," she muttered, more to herself than to him.

"Yeah? What about?"

"Whether religion is constructed by society, by man, or vice-versa. You know, if God chooses or if man makes up the whole idea."

"I'd have to agree with the latter," said Richard, unable to keep the patronizing tone from his voice. "We create the notion of something holy. That makes sense."

"It would. to you," she said dryly. "That is so-o typical."

He grinned. "Yes, isn't it."

For a while they just sipped their coffee.

"Rick, last night I started to say something," said Amy at last.

"Well?"

"It's important. Been on my mind for ages only I couldn't get it out. I have to now. With all your talk about justice . . . what's worth fighting for . . . you know?"

"Yeh, so what about it."

"Well . . ." she clenched her fists, feeling her fingernails pierce her palms, "it's why I'm going to Israel."

"Israel!" panic edged his voice. "What for?"

"They say there's going to be peace there soon, but the implications of war are even stronger. Things just get worse all the time — and the women. They're alone again, holding their grand-children, and wonder-

ing if their sons will get back from 'manoeuvres' this time. I have to be there now. I owe the country that much, even if it's only to dig up weeds on some kibbutz while the regulars are away. I have to be there."

"But God Almighty. I want to marry you!" The words arched out of the very depths of him, giving him no chance to halt them, to consider.

Slowly she put down her cup, her eyes fixed on his, no longer alight with the pleasure of banter, but hard and disbelieving.

"You're out of your sweet, gentile mind," she said very quietly.

"How can you say that?" He wanted not to believe what he'd heard.

"Hey listen, baby, we both knew that this wasn't going to get us in too deep. Right from the beginning we knew that."

"But damnit," he said desperately, "I'm in right over my head."

"Are you?" Her eyes were cool now, appraising him dispassionately. "If you were, really, Rick, you might have said: 'Hey Amy, you could get killed over there!' But all you can think of is what you stand to lose."

"Do your parents know?"

"Know what?" she asked.

"That you're going?"

"There are a lot of things they have no idea about. You for one. But I'll tell you this. They would rather I were shot dead by an Arab bullet than married to a y . . . to you."

"Oh Jesus that's cruel. That's so bloody cruel."

"Ah, pardon the corn, but so were your ancestors. They were a lot crueller than I could even be."

"Bitch! Jewish goddamned bitch!"

"Yes, Richard, marry me. Marry and live with me and call me that when we fight. I could call you a Nazi and it'd all be so damned beautiful, wouldn't it?"

"I'm sorry."

"I know. One of us would always be sorry. Oh Rick, how can I make you understand? It's not just that you're an outsider. It's . . . . Well, all you ever stood for was a gesture — a grand attempt at effect. And you couldn't even do that right. The first time I met you, you missed the fireplace with your glass!"

"But that doesn't mean anything real."

"I think it means everything," she answered gravely. "It sums you up, with your talk of justice, your preening and prancing in front of me as though I were a mirror reflecting you in all your damned glory. But I can see things clearly. I know what you are."

"I'm sure you won't hesitate to enlighten me."

"You're empty, Rick." She swept on, the momentum of her words rendering her oblivious to his crumbling. "Good looking, I grant you. You're probably the best-looking empty I know. But that doesn't change much. Justice is what this conflict in Israel is all about. **Our** view of justice, anyway. You can only talk about it. You always did talk so well.

"But what's this? No slashing reply? Are you really dumb-struck by my brilliant rhetoric?" She mocked him, taunted him and once again he felt himself caught up in the powerful attraction of her too-elequent scorn.

"Listen, you bitch," he wanted to yell. "Go wherever you bloody like; the farther away, the better."

"I don't understand any of this," he heard himself say instead. "What's driving you all of a sudden? Couldn't you let me give you whatever it is you're looking for?"

**"You?** Are you serious? Hell. I'll explain it if I can. More for myself than for you, though."

"I've stopped mattering. Is that it?"

"You were always marvellous in bed."

"Great." His voice was immeasurably bitter, and something very like tears glinted in the dark blueness of his eyes.

"I'm going because, well . . . it's not so much that I believe in the cause. I mean, everyone has the right to a piece of land they can call their own. It's not so much patriotism, either. Though damnit, that land has always been like a magnet to me."

"Well what the hell is it then?"

She held up a slender, white hand which he could not envisage working the earth, and silenced him.

"It's just that I'm old enough to **do** something now."

"Do your noble bit?"

"Yes, my bit," she said tiredly. But don't you see . . .?" Her voice trailed away to be submerged by floods of surrounding chatter. How could he ever understand?

"Rick I . . ." Words lodged in her throat threatening to choke her. "I have to go."

"Don't give me the 'six-million-didn't-die-in-vain' bit. Not this time!"

She seemed to regain her composure suddenly.

"Why not?" she snapped. "That's all it ever really adds up to."

"Oh Christ!"

"They didn't go up in smoke — in smoke, Richard — for an idea concocted by any man. They did it for an ideal, not for a fairytale — not for a concept given to them by **society** as you'd claim."

"It was because they were Jewish," he said quietly.

"Precisely. But what could you possibly know about that? It's because they held their religion above their lives. **Not** as a result of some people deciding what others should revere. It was more than that. It had to be. It was something Godly. I can't accept any other view. That's why I'm going. To . . . to justify their deaths in whatever way I can."

Now he was angry; as angry as she had ever seen him.

"Bugger this justification business," he said bitingly, "and don't give me any of that 'holding-their-religion-above-their-lives' crap. You hold your religion like a cross on your back, if you'll pardon the paradox. And Israel is just the place where you can expose your paranoia to its fullest and be told it's normal.

"But it was a glorious idea, wasn't it? Defending the Holy Land. Jesus! And you reckon **I'm** the one with stars in my eyes. You really need to go so you can reinforce that already oversized ego of yours." Richard affected a W.C. Fields accent and continued:

"Lay-dies and Gen-tel-men," he said in a voice lou denough to attract attention, **"We** have here a gen-u-ine martyr to the cause; a second Joan of Arc. In the face of flying ammunition; being attacked from all sides by screaming hordes of savages, she — can you stand it Lay-dies and Gen-tel-men — **she pulls up weeds!"**

"Not everyone's like you," she flashed at him. "Not everyone has to pretend to be what they're not. That's just you, sweetheart; the illusion manufacturer. You ought to go into business."

"And what ought you to do?"

"I thought I'd just finished telling you."

"Really? His voice was unmistakably sardonic.

"Yes, really."

"Well I think it's all a load of shit!"

"And what is drunken smashing of glasses? Is it so real to go around flinging them over your shoulder and pretending you're a Russian?"

"Why do you keep harping on that? I was drunk then. I wasn't in control."

"Richard — **love,"** she almost hissed with antagonism, "you are always in control. I don't believe there was ever a time when you didn't know exactly what you were doing."

"Look, this is pointless. Why don't we just call it quits now? Over The end."

"It should never have begun. It had no future.

You're not one of us. You never could be, no matter how hard you tried. You can't even understand!"

"Christ, what makes you think I'd want to be one of you, you arrogant . . ." He stumbled over feelings too powerful to articulate, but his whitening knuckles and the cheek muscles working tortuously in his face said enough.

"What makes you think you're important enough for me to want to give up whatever crummy thing it is you think I stand for?" he was finally able to say. "What makes you think. . . .?"

"I don't have to think anything. I know," she interrupted, her large eyes like black, pain-filled laser points assaulting his defences, razing them completely.

"Pretty damn sure, aren't you?" he said, swallowing the quiver that threatened his voice.

She turned her eyes inward, feeling herself destroyed.

"You're crying, Richard. Hadn't you noticed?"


**ANTISEMITISM IN AUSTRALIA — A LABOR RESPONSE**

The community is invited to attend this important meeting.

SPEAKERS:

**Mr. SID EINFELD, M.L.R.**
**Minister for Consumer Affair N.S.W.**

**Mr. BOB FORDHAM, M.L.R.**
**Deputy Leader of Parliament — Labor Party Victoria**

**Mr. CLIVE HOLDING,**
**Chairman Aust. Labor Party Victorian Branch**

**DATE — 30th APRIL,**
**8 P.M.**
**KADIMAH CENTRE**
**7 SELWYN ST., ELSTERNWICK**


**The "Melbourne Chronicle" — Subscription Form**

Name ..................................................

Address ..................................................

.................................. Postcode ..............................

SUBSCRIPTION RATES: $6 for 1 year (6 issues)

Please send remittance to:
**"Kadimah", 7 Selwyn St., Victoria, 3185**


**דער ציונ. ראַט אין וויקטאָריע**

פאַרבעט אייך אויף

**דאָנערשטיק, דעם 26טן אפּריל, 7.45 אָוונט**

אין „פּאַלעי״-טעאַטער, סט. קילדא

צו דער

**פייערונג פון ישראלס**

**יום העצמאות**

**היגע אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן ווי אויך פון ישראל און אויסלאַנד וועלן אָנטיילנעמען**

(פּרטים די קומענדיקע וואָך).

- בילעטן הײבן זיך אָן פאַרקויפן הייַנטיקן זונטיק: באלבערישסקים—98 עקלאנד סטריט, סט. קילדא ישראל-געשעפט—אַ185 קאַרלייל סט., באַלאַקלאַוואַ קאַנטאָרם—350 סט. קילדא ראוד, סט. קילדא.
- פרייז פון בילעטן: $10.00, $6.50, $5.50, $4.00 פאר יוגנטלעכע $2.00



**J. P. O.**
**TRIMMING CO.**

**LONDON PADDING CO.**

**MAKERS OF EXCLUSIVE SHOULDER PADS**

**ALL KINDS OF TRIMMINGS**

**I CATHERINE STREET**
**NORTH COBURG, VICTORIA**

**Telephones: 354-2555, 523-7153**

צונויפגעפאַלן מיט די אינטערעסן פון סאָוויטן־פאַרבאַנד — קולטור־בוי, בירא־בידזשאַן, פראָדוקטיוויזאַציע, אַנטי־אַנטיסעמיטיזם — — איז עס לייכט און גוט געווען — זענען ראובן בריינין, חיים זשיטלאָווסקי, בן־ציון גאָלדבערג, טויזנטער אַנדערע געוואָרן פראָ־סאָוויעטיש. עס איז היסטאָריש געווען ריכטיק אַזוי.

איך געדענק זיך אַליין: ווי פאַרשיכורט איך בין געוואָרן פון דער אידייע, אַז נאַציאָנאַלע גאולה און סאָציאַלע גאולה קענען ווערן איינס.

האָט דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד, צוליב כמה וכמה סיבות, געענדערט זיין קורס: אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען הערן נישט אויף, צוואַנג־אַסימילאַציע בנוגע יידן, קולטור־חורבן, טאַקעניזם מיט אַ זשורנאַל און עטלעכע ביכער.

זענען אַ סך געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע: וואָס טוט מען? וועמען בלייבט מען געטריי? מיין ענטפער איז: זיך אַליין בלייבט מען געטריי.

טייל זענען געבליבן סערוויל, אונטערטעניק לגבי דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד — „ער קאָן נישט טאָן קיין בייז".

אַנדערע — האָבן זיך אַנטוישט אין סאָציאַליזם! און אים אָוועקגעוואָרפן.

מיין ענטפער, זייער אַ פּשוטער: סאָציאַליזם און סאָוויעטן פאַרבאַנד זענען נישט די זעלבע זאַך.

איך בלייב געטריי ביידן: מיין פאָלק און דעם סאָציאַליזם. אָבער איך באַנעם און טייטש דעם סאָציאַליזם אַנדערש, גאָר אַנדערש. און אַנדערש מיינט — אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם.

★

לאָמיר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז מיר שטייען אין אַ פּרינציפּיעלן געראַנגל: קעגן אַסימילאַציע, קעגן סעקטאַנטישקייט, קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר דעם אמתן סאָציאַליזם.

מיר שטייען פערזענלעך אין אַ פּרינציפּיעלן קאַמף: זאָגן וואָס מע טראַכט — אַ קאַמף פאַרן אמת און קעגן אַלע הייליקע קי. דער פאַקט איז, אַז זיי זענען געשטאָרבן די הייליקע קי און קיין כאָמוט אויפן געדאַנק טאָר קיינער נישט טראָגן. דער וואָס האָט מורא צו קריטיקירן, דער איז בפירוש נישט קיין פרייער מענטש און נישט קיין טראַכטנדיקער מענטש...

★

דעם דאָזיקן רעצעפּט, וועלכן אַ. גאָלדבערג רעקאָמענדירט די יידישע קאָמוניסטן, קאָן מען (אָן מורא פאַר קאָמפּליקאַציעס) אויך רעקאָמענדירן אַנטי־קאָמוניסטן, וועלכע קלאַמערן זיך אין טעאָריעס, ווייל...

אַמאָל זענען זיי ריכטיק געווען...

מעם


## 1943 — כ״ז ניסן תשל״ט — 1979

## יום השואה והגבורה

# טרויער־אַקאַדעמיע

**צום 36־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און יזכור נאָך די זעקס מיליאָן יידישע מאַרטירער אומגעבראַכטע דורך די נאַציס**

**מאָנטיק, 23טן אפּריל 1979, 8 אָוונט אין מעלבורנער טאַון האָל** (סיטי)

רעדנער: **דב שילאַנסקי,** חבר הכנסת, ירושלים

**שמואל ראָזענקראַנץ,** פאָרזיצער פון ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע

**ל. געטלער** —יוגנט־רעדנער

אָרגאַניזירט דורכן ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע

ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע

יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

פּאַרטיזאַנער און קאַצעטלער־פאַרבאַנד

און אַלע אָנגעשלאָסענע אין ראַט אָרגאַניזאַציעס.

**די הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים (קאַרלטאָנער בית עולם)**

**זונטיק, דעם 22טן אַפּריל 1979, 2.30 נ״מ.**

געגעבענער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. די פּראָגראַמען שטעלן צענויף פאָרשטייער פון די עטנישע גרופּן לויט זייער איינזען. מערסטנס ווערן איבערגעגעבן נייעס פון היימלאַנד און לידער אָדער ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער זעלבער שפּראַך. אויך די „ספּיקערס" זענען מענטשן פון דער געגעבענער נאַציאָנאַלער גרופּע. (יידיש למשל האָט 2 האַלבע שעהן: פרייטיק און זונטיק, אַזוי אויך העברעיש). עס איז בלויז דאָ איין תנאי, וואָס אַלע דאַרפן זיך אונטערוואַרפן: איין עטנישע גרופּע טאָר נישט אַטאַקירן אַ צווייטער.

אַביסל שפּעטער האָט די לייבאָר־רעגירונג, דורך איר מיניסטער פאַר פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע (מידיא) דר. מאָס קעס (אגב — אַ ייד) געגעבן אַ דערלויבעניש פאַר אַ קאָמונאַלער ראַדיאָ־סטאַציע 3 ס.ר., וואָס דאַרף געבן אַ מעגלעכקייט אַלע געזעלשאַפטלעכע גרופּן צו זאָגן זייער מיינונג. דאָס איז געווען אין 1975. צו ערשט זענען איבער הונדערט גרופּן געווען אָנגעשלאָסן אין דער ראַדיאָ־סטאַציע (אויך צוויי יידישע). דערווייל אָבער האָבן אַ גרופּע לינקע „מאַאָיסטן" פאַרכאַפּט די מאַכט, געשטיצט פון אַנדערע לינקע און קאָמוניסטישע עלעמענטן (ווי די סעקרעטאַרן פון עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), צווישן זיי אויך פּ.ל.אָ.־אָנהענגער — און די ראַדיאָ־סטאַציע (וואָס איז אין דער ענגלישער שפּראַך) איז געוואָרן אַ קוואַל פון אַנטיסעמיטישער העצע קעגן יידן — אונטערן אויסרייד, אַז דאָס באַקעמפט מען דעם ציוניזם, וואָס איז לויט דער יו־ען רעזאָלוציע — אַ ראַסיסטישע באַוועגונג.

אין דער רשימה פון די אונטערשטיצער געפינען זיך ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען, ווו די סעקרעטאַרן זענען אָפיציעלע קאָמוניסטן (מיט אַ נייגונג צו דער כינעזישער ליניע), אַ גרופּע לייבאָר־טוער, וואָס גייען אונטער דער פירמע פון „סאָציאַליסטישער לינקס" מיטן באַקאַנטן פּ.ל.אָ.־וואָרטזאָגער ביל האַרטלעי.

איר האָט געקענט הערן אַזאַ מין דערקלערונג אויף אַ פּראָגראַם וואָס הייסט: די פּאַלעסטינער רעדן.

„עס איז באַקאַנט, אַז די טרויעריק־באַרימטע מערדער פון דער ישראלדיקער געהיים־פּאָליציי „מוסד" אָפּערירן אין אויסטראַליע מיט דער פולער קאָאָפּעראַציע פון דער קאָמאָנוועלט פּאָליציי, די אַזוי גערופענע אויסטראַלישע זיכערהייטס אינטעלידזשענס אָרגאַניזאַציע און אַנדערע אָרגאַנען פון דער פעדעראַלער און שטאַטלעכער פּאָליציי".

אויף אַ קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין וויקטאָריע (12טן נאָוועמבער 1978) האָט אַ דעלעגאַטין, אירענע אירווין — אין אַ דעבאַטע צו באַגרענעצן די רעכטן פון דער ראַדיאָ־סטאַציע 3 ס.ר. אַרויסגעזאָגט דעם „אָרגינעלן" געדאַנק:

„עס דאַרף זיין דערלויבט צו רופן, מען זאָל פאַרברענען אַ סינאַגאָגע, אַזוי לאַנג ווי דו טוסט עס נישט פּאַקטיש..."

און אַ מיטגליד פון לייבאָרס אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט לואיס קענט האָט אין אַ ראַדיאָ־אינטערוויו געזאָגט וועגן דער זעלבער קאָנפערענץ:

„די ציוניסטן און איזי לייבלער און דער „יידישער באָאַרד אָף דעפּיוטיס" האָבן גוט אַריינגעכאַפּט אויף דער קאָנפערענץ" (ווערטלעך: זיי זענען „גוט באַדינט געוואָרן").

נישט נאָר יידן פּראָטעסטירן קעגן דער ראַדיאָ־סטאַציע, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל פּראָמינענטע אויסטראַליער ווי דער פּרעזידענט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג באָב האָוק; דער פירער פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע אין וויקטאָריער פּאַרלאַמענט (אַ לייבאָריסט) פרענק ווילקס; אַ צאָל אַקאַדעמיקער און אויך דר. מאָס קעס. זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע, וועלכע פאָדערט מען זאָל רעפאָרמירן די ראַדיאָ־סטאַציע. ביז היינט האָט די סטאַציע אָפּגעקאָסט דעם שטייערצאָלער 32 טויזנט דאָלאַר, פון מלוכהשע סובסידיעס.

אין רעזולטאַט פון די פּראָטעסטן, וועט אין אַפּריל ה. י. פאָרקומען אַן עפנטלעכע אונטערזוכונג, וועלכע די קאָמיסיע פאַר ראַדיאָ־ און קאָמוניקאַציע האָט פאַראָרדנט.

★

דער פאַל מיט דער ראַדיאָ־סטאַציע 3 ס.ר. איז נאָך אַ באַווייז, ווי אַזוי אַ גוט־מיינענדיקע, דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע, געשאַפן צו געבן אַ מעגלעכקייט פאַר עפנטלעכע דעבאַטן, קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטים פון האַס.

## עס איז כדאי זיך צוצוהערן...

דער זשורנאַל „יידישע קולטור" איז דער אָרגאַן פון „איקוף", און ווי זיין רעדאַקטאָר באַצייכנט דעם „איקוף" איז עס: „דער קולטור אָרעם פון יידישן לינקס אין אַמעריקע".

דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל איז אַ ייד וואָס הייסט איטשע גאָלדבערג. אין דער „יידישער קולטור" פון אויגוסט־סעפּטעמבער 1978, זאָגט ער אַרויס אַ פּאָר אויפריכטיקע געדאַנקען, וועלכע עס איז כדאי איבערצודרוקן:

★

לאָמיר רעדן בתכלית קלאָרקייט.

איך באַטראַכט ווערגעליסן ווי דעם גרעסטן שונא פון דער יידישער ליטעראַטור. פאַרוואָס? ווייל ער טוט גענוי דאָס וואָס די שונאים פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור ווילן: ער אַנטנאַציאָנאַליזירט די יידישע ליטעראַטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ער וואַרפט אַרויס די יידישע נשמה פון איר. אָט פאַרוואָס.

נאָך אַ ווילדקייט. פונקט ווי די אַמעריקאַנער יידישע פירער וועלן קיינמאָל נישט קריטיקירן אַ ישראל־רעגירונג, געפינען זיך די וואָס וועלן קיין מאָל נישט קריטיקירן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. קיין בייז וואָרט נישט זאָגן. קנעכטיש נאָכפּלאַפּלען אַלץ און שפּרינגען קדוש.

אַמאָל זענען די אינטערעסן פון יידישן פאָלק זיך

# פאַרבײַגײענדיק...

# LOOK WHO'S TALKING

- אינפאָרמאַציע וואָס הינקט אונטער
- עס איז כדאַי זיך צוצוהערן

וועגן צניעות און מאָראַל האָבן אַמאָל געדרשנט געווינטלעך רבנים, מגידים — מיט אַ משל צו הײַנטיקער צײַט...

ווי אַזוי עס איז צו דעם „פאַך" געקומען דער שרײַבער אברהם שולמאַן, וואָס ווערט נישט מיד פון שרײַבן וועגן פּאָרנאָגראַפיע; צניעות פון שרײַבער, פון ליטעראַטור — בלײַבט אַ פּרווידיאַנישע רעטעניש...

אין „פאָרווערטס" פון 17טן נאָוועמבער 1978 האָבן מיר זײַן אַרטיקל (ווי זשע אַנדערש?) „די צניעות פון דער יידישער ליטעראַטור".

נעמענדיק צו הילף די ביאָגראַפיע פון פראַנצויזישן דיכטער פּאָל ווערלען (1844־96) באַווײַזט ער אונדז (מיט אַ שמייכל פון חוזק — אַלאַ שולמאַן), אַן אַנטקעגן ווערלען — איז די יידישע ליטעראַטור אַ מאָראַלישע ליטעראַטור — אפילו ווען זי האָט געהאַט אַ באַרימטן פּאָעט וואָס „טרינקט".

„און אַז ער ווערט אפילו שיכור און רעדט דאַן זאַכן, וואָס פּאַסן נישט פאַר אַ געזעצטן יידישן פּאָעט".

וואַרפן שטיינער אין יידישע שרײַבער — וואָס לעבן שוין נישט, און מען דאַרף פאַר זיי קיין מורא נישט האָבן — געהערט צו שולמאַנס „העלדישקייטן".

טאָ פאַרוואָס זאָל מאַנגער זײַן אַן אויסנאַם?

✶

פאַרכליניעט פון דער אייגענער אײַנפאַלערישקייט פון יאָ שלאָפן אין אַ פּידזשאַמע — נישט שלאָפן אין אַ פּידזשאַמע מאָראַליטעט — שלעפּט ער אפילו אַרויס דאָס פּוילישע געזעץ, וועגן אַ מאָראַל צייגעניש (שוויאַדעצטוואָ מאָראַלנאָשטשי).

שוין דאָס אַליין גיט אים די געלעגנהייט אַרײַנצולאָזן זיך אין ענין פון פּריוואַטן פּרויען, האָבן אומלעגאַלע קינדער...

עס פּאַסט זיך אָבער נישט אַרײַן אין זײַן „צניעות" טעאָריעס דער עצם געדאַנק פון דער פּוילישער מאָראַל־צייגעניש: עס איז קודם געווען אויסגערעכנט צו טרעפן מענטשן (ספּעציעל יידן), וועלכע מ'האָט פאַרדעכטיקט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן — און דעריבער אָפּגעזאָגט אַזאַ צייגענישט זיי צו געבן...

פון דעם, און פון אַנדערע אַרטיקלען וועלכע זענען געשריבן פון דער זעלבער פעדער אויף דער זעלבער טעמע (כאָטש די זעלבע יענטע — נאָר אַנדערש געשלייערט) פילט מען — אַז עפּעס „באַדערט" דער שרײַבער אברהם שולמאַן; אַז די טעמע רייסט זיך פון זײַן פעדער ממש אויף כוח, און אפילו זײַן טויטער הומאָר, קאָן עס נישט פאַרמאַסקירן.

איז אפשר וואָלט כדאַי געווען צו ראָטן אים (פאָרט אַ יידישער שרײַבער) אַז אײדער זײַן פעדער טוט אים אַ פיר אַרײַן אין לאַבירינט פון צניעות און מאָראַליזן — זאָל ער זי אַ ווײַל פאַרהאַלטן און אַ טראַכט טאָן: ווי אונדזער גוט באַקאַנטער האָקאָל האָט געשריבן:

„טונק אײַן די פעדער אין דײַן געוויסן — אײדער דו טונקסט זי אײַן אין טינט..."

## אינפאָרמאַציע — וואָס הינקט אונטער...

אין דער רובריק „יידישע נײַעס" אינפאָרמירט די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" פון 16 דעצעמבער 1978 — אירע לייענער:

פּראָטעסט קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע

„די אָנפירונג פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" אין אויסטראַליע האָט צוגעשיקט אַ שאַרפן פּראָטעסט צו דער רעגירונג, צוליב דער אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס ווערט געפירט אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

עס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי אַזאַ פּראָטעסט ווערט צוגעשטעלט. בעתן ערשטן פּראָטעסט האָט דער פּאָסט־ און טעלעגראַף־מיניסטער געפאָדערט מען זאָל אים צושטעלן באַווײַזן, אַז אַזאַ העצע ווערט טאַקע געפירט. די אָנפירונג פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" האָט אויף זײַן ביטע גלײַך געענטפערט".

די לייענער פון דער „פאָלקס שטימע" ווייסן פון דערפאַרונג, אַז אַ ראַדיאָ־סטאַציע איז אַ מלוכהשע אינסטיטוציע און דריקט אויס די מיינונג פון דער רעגירונג און פּראָפּאַגאַנדירט אירע פּאָליטישע צילן. דעריבער איז קלאָר — אַז אין אויסטראַליע בושעוועט ממש אינטיסעמיטיזם...

ווייסן מיר נישט — צי וועט עמעצער פון די לייענער פון דער „פאָלקס שטימע" האָבן אַ צוטריט צו אונדזער אינפאָרמאַציע — און אפשר — ווער ווייס? (אַ יידישע קישקע איז נישט אָפּצושאַצן...) וועלן די רעדאַקטאָרן לשם אמת איבערדרוקן די אויפקלערונג.

אין אויסטראַליע זענען דאָ אַ גאַנצע ריי קאָמערציעלע ראַדיאָ־סטאַציעס און בלויז איין מלוכהשע. ווען די לייבאָר־רעגירונג איז געווען בײַ דער מאַכט (1974־75) האָט זי אײַנגעפירט אַזאַ מין זאַך, ווי ראַדיאָ פאַר עטנישע גרופּן. דאָס הייסט: די רעגירונג שטעלט צו אַ ראַדיאָ־סטאַציע מיטן טעכנישן פּערסאָנאַל צו דער דיספּאָזיציע פון די עטנישע גרופּן וועלכע וווינען אין אויסטראַליע. אויף דער ראַדיאָ־סטאַציע קען מען הערן פּראָגראַמען אין: יידיש; העברעיש; פּויליש; רוסיש; דײַטש; סערביש; יוגאָסלאַוויש; יאַפּאַניש; שפּאַניש; טערקיש; גריכיש; איטאַליעניש און נאָך שפּראַכן. די צײַט איז צוגעטיילט לויטן פּראָצענט פון דער גרויס פון דער



# מיר באַגריסן חוה ראָזענפּאַרב צום באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע



חוה ראָזענפּאַרב

איציק מאַנגער

דאָס פֿאָלק האָט איינגעוויקלט אין צאַרטע שלייערן פֿון לעגענדע זיין באַליבטן דיכטער — איציק מאַנגער.

אויף די פֿליגן פֿון זיין „גאָלדענע פּאַווע" האָט ער אָנגעשלאָגן אין יידישע הערצער, יידישן געמיט און יידישע היימען. זיין געזאַנג האָט געטראָגן היימישקייט — אָט די וואַרעמע, היימישע געפֿילן וואָס זענען מיטאַמאָל אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל.

און אָט האָבן ישראל־יוגנט אַנטדעקט די פֿאַרגאַנגענע יידישע היים דורך מאַנגערס „מגילה־לידער" און „חומש־לידער".

די לעגענדע מאַנגער האָט באַקומען איר תיקון דורך אָנרופֿן די פּרעמיע, וועלכער דער ראש הממשלה, דער פּרעזידענט פֿון ישראל טיילט אויס די יידישע שרייבער — די מאַנגער־פּרעמיע.

צווישן די היי־יאָריקע געווינער פֿון דער אויסצייכענונג געפֿינט זיך די דיכטערין — חוה ראָזענפּאַרב.

אין מיטן פֿון די טראַגישע יאָרן פֿון דער שואה, אין מיטן פֿון די גרויליקע און גורלדיקע טעג פֿון לאָדזשער געטאָ — האָט מיטאַמאָל זיך אויפֿגעעפֿנט אַ פּאָעטישער קוואַל — די דיכטערין חוה ראָזענפּאַרב.

קאָן מען באַשיידן די וועגן פֿון גורל?

הגם זי איז שעפֿעריש ווי אַ פּראָזע־שרייבערין, דראַמאַטורג, פּאָעטין — איז פּאָעזיע דער מעדיום, וואָס קומט צום אויסדרוק אין איר שאַפֿן.

יעדע שורה איז פּאָעטישע יצירה — אָן אונטערשיד צי דאָס איז פּראָזע, אָדער דראַמע.

זי איז די דיכטערין פֿון שטילע, אומעטיקע טענער. און ווי קאָן עס אַנדערש זיין? איז דאָך איר ליד געבוירן געוואָרן צווישן שטעכל־דראָטן, ביים ראַנד פֿון אומקום.

איר קרוין־ווערק — די דריי בענד „דער בוים פֿון לעבן" איז געשיכטע איינגעהילט אין קינסטלערישן לבוש. אויף די ברייטע לייוונטן קומען צום אויסדרוק נישט נאָר די ליידן און ראַנגלענישן פֿון אַ פֿאַרמשפּט פֿאָלק — נאָר אויך די שעפֿערישע פּאָטענץ פֿון חוה ראָזענפּאַרב.

און דאָך:

די נשמה פֿון שרייבער ליגט אָפֿט באַהאַלטן ערגעץ צווישן שטילע שורות, וואָס זענען דעם לייענער אויס נישט מער ווי אַ טייל פֿון אַ ליד, אָבער אין זיי איז איינגעוועבט דער מהות פֿון דיכטער, און זיין קינסטלערישער וועג — מעג ער אים שפּעטער אַוועקפֿירן אויף אַנדערע פֿלאַכן, ברייט־פֿאַרמאָסטענע ווערק און טיף־זיניקע עסייען.

צווישן דיינע שורות —
לאָז מיך אויסבאַהאַלטן ליד

— — — — — — — — — — — — —

דעק מיר צו מיט דיינע ווערטער
מיט דיין ניגון וויג מיך איין

— — — — — — — — — — — — — — —

שלעף מיך איין — ווי סיטועין ימען
איינשלעפֿן אַ מידע שיף
זינק אַראָפּ מיט מיר צוזאַמען
צו דער לידערלאָזער טיף.

★

מיט ליטעראַרישע פּרעמיעס איז אויף דער יידישער גאַס אַ גוואַלדיקע אינפֿלאַציע. במילא האָבן זיי פֿאַרלוירן דעם ווערט און די באַדייטונג. גאַר אָפֿט קוקן די זשורי־מיטגלידער צום פּרעמירטן מיט דער האָפֿענונג צו באַקומען אין דער צוקונפֿט — אַ... גוטע רעצענזיע, און די פּרעמיע איז אַ באַצאָלונג פֿון פֿאָרויס...

דורך צוטיילן די מאַנגער־פּרעמיע חוה ראָזענפּאַרב — האָט די זשורי רעהאַביליטירט די אינסטיטוציע פֿון פּרעמירן שרייבער.

באַגריסן מיר זי האַרציק און האָפֿן, אַז סוף־כל־סוף וועלן פּרעמיעס פֿאַר יידישע שרייבער פֿאָרט ברענגען כבוד דער יידישער ליטעראַטור.

זיקע 2 פראַגן, אָבער איך וויל אָנווייזן אויף אַ פאָר רעאַלע לייזונגען, וואָס קענען אפשר געבן אַן אָנדייט אין וועלכער ריכטונג אונדזער אַרבעט דאַרף גיין אין דעם דאָזיקן יאָר.

1) מיר מיזן רעווידירן סיי אונדזער צוגאַנג צו דעם שפראַך־פראָבלעם און אויך צו אונדזער אויסגעטראָטענעם „דרך המלך”, ווייל אַלץ וואָס מיר טוען האָבן מיר איבערגענומען פון אונדזער פאַרשניטענעם גרויסן און שעפערישן יידישן קולטור־לעבן.

2) אַלע כוחות ווידמענען אַריינצוציען די זייער קליינע צאָל יידישע יוגנט־קולטור־טוער אין דער אַרבעט פון „קדימה”, אפילו ווען זייער צוגאַנג צו יידישע געזעלשאַפטלעכע און יידישער קולטור־אַרבעט וועט אויסזען אין אונדזער איינזען — נעגאַטיוו...

3) ווייטער העלפן פורעמען דאָס גייסטיקע פנים פון אונדזער ישוב מיט אונדזער טאָג־טעגלעכער קולטור־אַרבעט אויף אַלע געביטן: דורך לעקציעס; דורך טעאַטער און פילם; דורך אָנטיילנעמען אין אַלע אַקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן, אָנהאַלטנדיק דעם אויסגעשפראָכענעם יידיש נאַציאָנאַלן און פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

לאָמיך באַנוצן דעם געדאַנק פון דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן שרייבער י. ראַפאָפאָרט אין זיין אַנטאָלאָגיע „טראָפנס גלויבן”, וועלכער זאָגט: „אונדזער פאָלק איז ענלעך אויף יענער אלמנה, וואָס האָט געלעבט פון מופת־דיקן קריגעלע בוימל. דערלאָזט־זשע נישט עס זאָל אויספעלן די אויפנעמעדיקע כלי. עס איז גענוג דאָס פאָלק — די אלמנה — זאָל בלייבן איין מינוט אָן אַ רעזערוואָאַר — ווי קליין ער זאָל נישט זיין — פאַרן וווּנדערלעכן בוימל און דער נס וועט אויסרינען”. אין אונדזער אַלגעמיינער יידישער קולטור־אַרבעט דאַרפן מיר דעם דאָזיקן טיפן און ריכטיקן געדאַנק — שטאַרק געדענקען!

# צווייטער יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל

יאָר איין, יאָר אויס — אַזוי שוין 25 יאָר — קומט פאָר אין מעלבורן אַ פעסטיוואַל, אונטערן נאָמען: „מומבאַ”. דאָס איז אַן אַבאָרידזשינישער אויסדרוק, וואָס באַדייט: לאָמיר זיך צוזאַמענעמען און זיך פאַרווילן.

אין משך פון אַ וואָך קומען פאָר בילדער־אויסשטעלונגען, קאָנצערטן אונטערן פרייען הימל, וואַסער־ספאָרט אויף דעם יאַראַ־טייך.

דער אָפשלוס פון פעסטיוואַל פאַלט אויס „לייבאָר דאַי”, דאַן קומט פאָר אַ קאָלירפולער פאַראַד פון פאַרשידענע גרופן, קלובן, אָרגאַניזאַציעס. אויף אויטאָס ווערן אויסגעבויט ספעציעלע פלאַטפאָרמען מיט עקספאָנאַטן, קאָלירפול דעקאָרירט. זיי דעמאָנסטרירן דעם כאַראַקטער פון דער פירמע אָדער אָרגאַניזאַציע, אָדער עטנישע גרופע, וועלכע זיי רעפרעזענטירן. אפילו אַ קאָלירפולער כינעזישער דראַגאָן, האָט אָנטיילגענומען אין דעם מאַרש. און איבער אַלעם — קאָמישע פיגורן; שפאַס; פאַרוויילונג. טויזנטער מענטשן פילן אויס די גאַסן, דורך וועלכע די דעקאָראַטיווע פראָצעסיע גייט אַדורך.

צום ערשטן מאָל איז פאַראַיאָרן, אין די ראַמען פון די „מומבאַ”־פייערונגען אַריינגענומען געוואָרן אין פראָגראַם און דורכגעפירט געוואָרן — אַ דאַנק די באַמיאונגען און איניציאַטיוו פון „קדימה” — אַ יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל אונטערן פרייען הימל, אין טרעזשורי גאָרטן. דעם פעסטיוואַל האָבן בייגעוווינט אַרום 5 טויזנט מענטשן. דאָס רוב יוגנטלעכע.

היי יאָר האָט די „קדימה” ווידער אַמאָל גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו (און די פינאַנסיעלע זאָרגן) פאַר דורכפירן דעם פאָלקס־פעסטיוואַל, וועלכער איז פאָרגעקומען אויף אַ ספעציעל־אויסגעבויטער בינע — אין טרעזשורי גאָרטן — זונטיק, דעם 4טן מערץ 1979 — פון 2—5 נ"מ.

מען קאָן פאַרצייכענען מיט אַ רואיק געוויסן, אַז דער היי יאָריקער פעסטיוואַל, אַ דאַנק די פאַרבעסערטע טעכנישע צוגרייטונגען און דערפאַרונגען איז אויסגעפאַלן אימפאָזאַנט און איינדרוקספול.

אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג האָבן טויזנטער מענטשן אָנגעפילט דעם טרעזשורי גאָרטן. די יידישע און העברעישע לידער און מוזיק האָט מען געקאָנט הערן אין יעדן ווינקל פון פרעכטיקן און גרויסן גאָרטן.

געעפנט דעם פאָלקס־פעסטיוואַל האָט דער לאָרד מעיאָר פון מעלבורן מר. אירווין ראָקמאַן ער באַגריסט די אָנטיילנעמער און איניציאַטאָרן און ווינטשט זיי דערפאָלג.

אין פעסטיוואַל גופא האָבן אָנטיילגענומען: (לויט דער ריי) אַנסאַמבל „פלאַמען” — מוזיק און געזאַנג; בני עקיבא טאַנץ־גרופע און כאָר; „סקיפ” — כאַראַקטער־טענץ און געזאַנג; פאָול גלאַס און יען סעגאַל — געזאַנג; דוד האָניק מיט זיין אַנסאַמבל; השומר הצעיר טאַנץ־גרופע; ביתר טאַנץ־גרופע; „הזמיר”־כאָר; סאָליסטן: סוזי ווילס און באַרבאַראַ מירקין; הבונים טאַנץ־גרופע; בורשטין פאַמיליע־טריאָ (רוסישע עמיגראַנטן) געזאַנג און מוזיק־באַגלייטונג; משה בן דנו מיט זיין אַנסאַמבל. קאָנפעראַנסיערן: יאַשע שער; אַנדרעאַ קופער; סילוויאַ גאָלדשמיד..

די יוגנטלעכע אָרדנער האָבן געטראָגן ספעציעלע העמדלעך מיטן סימבאָל פון יידישן פאָלקס־פעסטיוואַל, און די אָרדנונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע.

אַ דאַנק דער „קדימה” האָבן אונדזערע יוגנט־גרופן און אָרגאַניזאַציעס באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו רעפרעזענטירן פאַר דער עפנטלעכקייט, מיט דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן.

דער פעסטיוואַל איז געווען אַ רעגנבויגן פון קאָלירן, שפראַכן, ריטמיק און געזאַנג — און פאַרשאַפט פאַרגעניגן די טויזנטער צוהערער.

אָרעמע ברידער אַרומגעגאַנגען אין לאַגער נאַקעטע, ארומגעהילט מיט אַ קאָץ, און דאַן האָט מען זיי אין לאַסט־אויסטאָס אַוועקגעפירט צום קרעמאַטאָריום. (אַנטשולדיקט מר. בענעט — איר רופט עס אָן דיזענפעקציע...)

✶

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם 1טן מאַי 1945, אין לאַגער גוסען 2, ווען מיר זענען אין פריען פרימאָרגן אַוועק צו דער אַרעבט. דאַן זענען געווען 900 מענטשן (יידן און נישט־יידן, מר. בענעט) אין שפּיטאָל. (די נאַצישע באַצייכענונג פאַר אַ שעכטהויז פון מענטשן). פערצן שעה שפּעטער זענען זיי אַלע געווען טויט, צענויפגעשטאָפּלט ווי שטיקער האָלץ — דערמאָרדעט און געשאָכטן.

✶

ווען איך קוק צוריק, טראַכט איך תמיד — אַז דער קאָמענדאַנט, די דאָקטוירים און וועכטער פון אוישוויץ זענען געווען געפערלעכע און שעדלעכע מענטשן. ווייזט זיך אַרויס, אַז געפערלעכער און שעדלעכער זענען גאָר די בוצעס, בענעטס און קאָמפּאַני, וואָס אָפּלייקענענדיק די 6 מיליאָן טויטע (בלויז איין מיליאָן — גיט צו מר. בענעט) גיבן זיי דערמיט באַרעכטיקונג די אַלע נעאָ־נאַצים, וועלכע זאָגן:

קוקט אָן דעם גרויסן ליגן! נישט מיר, היטלערס נאָכפאָלגער זאָגן עס, נאָר אומאָפּהענגיקע (!) מענטשן ווי בוטש און בענעט!". און שוין גיבן זיי צו: „דאָס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט!"'

דעם בריוו פאַרענדיקט פר' ווינער מיט דער פראַגע, וואָס מיר אַלע ווילן פרעגן:

„דאַרף דער „איידזש" דערמעגלעכן פאַר מר' בענעט צו אויסנוצן זיינע שפּאַלטן כדי צו פירן נעאָ־נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע?

ווי אַן אילוסטראַציע צום בריוו פון פר' ווינער, האָט די רעדאַקציע געגעבן אַ בילד פון אוישוויצער לאַגער.

---

י. אַרבאַך

# „קדימה"־פּראָבלעמען

ווען דער דאָזיקער דאָפּל־נומער „מעלבורנער בלעטער" וועט האָבן דערשינען וועט שוין זיין נאָך די וואַלן פון אַ נייעם „קדימה"־קאָמיטעט פאַרן יאָר 1979 — איז לאָגיש און פאַרשטענדלעך, אַז אויף די שפּאַלטן פון דער „קדימה" אויסגאַבע זאָלן אַרויסגעזאָגט ווערן — נישט קיין „נייע" געדאַנקען — נאָר אָנווייזן אויף פרישע וועגן, אויף וועלכע דער נייער קאָמיטעט דאַרף גיין.

מיט 5 יאָר צוריק האָט דער שרייבער פון די שורות אָנגעצייכנט געוויסע וועגן פאַר דער „קדימה" אין איר ווייטערדיקער אַרבעט. די וועגן זענען געווען:

1) אַ קולטור־אַרבעט, וואָס זאָל זיך שטיצן סיי אויף די „אַלטע" קולטור־טוער, וואָס ווילן נישט זיין טויב און שטום צו יידישע פּראָבלעמען און וועלכע זעען אַ דאַמבע קעגן דער שטייגנדיקער אסימילאַציע אין דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור. סיי מיט די „יונגע" קולטור־טוער, וואָס האָבן אין משך פון די לעצטע יאָרן געזוכט וואַרעמקייט ביי דעם יידישן נעכטן, בכדי צו באַלויכטן דעם נייעם מאָדערניזירטן יידישן ווירוואַרישן היינט.

2) שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט און אַוועקגעבן אַממייסטנס ענערגיע פאַר אריינציען די יוגנט אין דער „קדימה"־אַרבעט דורך מיטהעלפן די שפּראָצונגען און גוטע־אָנהויב רעזולטאַטן פאַר אַ יידישן „יוגנט־טעאַטער" וואָס קען אַ סך העלפן אין אריינציען די יוגנט אין אונדזער אַלגעמיינער יידישער און יידיש־ענגלישער קולטור־אַרבעט.

3) נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם גוטן אָנהויב פון בויען אַ יידישע טאָג־שולע.

4) ארויסגעבן אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל אין יידיש און ענגליש.

5) אָרגאַניזירן און איינאָרדנען וואָס מער יידישע קולטור־מאַניפעסטאַציעס פון קונסט, מוזיק און יידישע ליטעראַטור אויף אַלע אופנים און געביטן אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן.

זאָלן מיר אין יאָר 1979 מיט שטאָלץ פעסטשטעלן, אַז אויב עס איז די „קדימה"־טוער נישט געלונגען אַריינצוציען די יוגנט־טוער אין דער „קדימה"־אַרבעט — וואָס איז צום היינטיקן טאָג אַ גרויסער „וואקום" אין אונדזער טעגלעכער אַרבעט, האָבן מיר ביי נישט דווקא גינסטיקע באַדינגונגען — גייסטיקע און מאַטעריעלע — די אויבנדערמאָנטע אויסגערעכנטע אויפגאַבן און צילן אויסגעפירט און אויך גאָר שטאַרק מיטגעהאָלפן דורכצופירן די היינטיקע יידישע ראַדיאָ־אוידיציע שעהן, וואָס אַ דאַנק די „קדימה"־טוער איז די יידישע „ראַדיאָ־אוידיציע דערגאַנגען צו אַ גאָר גרויסע פּאָפּולאַריטעט ביי יידישע צוהערער.

אָבער די קאָמפּליצירטע וואַריאַציעס וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט און אויך ביי אונדז אין אויסטראַליע אין משך פון די 5 יאָר: דאָס דערווייטערן זיך פון יידישן אַקטיוון לעבן פון גרעסערע שיכטן פון אונדזער יידישן ישוב און ספּעציעל דאָס אָפּהענטיקייט פון דער יידישער יוגנט אין אונדזער אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן — צווינגט אויף, אַז דער נייער קאָמיטעט פון „קדימה" דאַרף זיך אריינטראַכטן און אויך שטאַרק איבערטראַכטן ווי אַזוי עס דאַרפן אויסזען די פרישע וועגן אין אונדזער יידישער קולטור־אַרבעט פאַר דעם יאָר 1979.

וואָס דאַרפן זיין די נייע מיטלען און וואָס פאַראַ רעוויזיעס דאַרפן מיר מאַכן אין אונדזער ביזאיצטיקער איינגעשטעלטער אַרבעט?

איך קען נישט געבן אַ באַלדיקן ענטפער אויף די דאָ־

אויסטין י. אָפּפּ, געוועזענער פּראָפעסאָר פון ענגליש אין דער לאַסאַל הויכשולע אין פילאַדעלפיע, האָט ארויסגעגעבן אַ בראָשור אין פּראַכטבאַנד א״נ „דער שווינדל מיט 6 מיליאָן״ מיט אַן אונטערקעפל „דער שאַנטאַזש פון די יידן צום דייטשן פאָלק וועגן קאָמפּענסאַציע, באַנוצנדיק זיך מיט ל׳גנערישע פאַבריצירטע פאָטאָגראַפיעס פון מאַסן־עקזעקוציעס״.

אַ בראָשור ארויסגעגעבן אין „בראַזיליא״ (הויפּטשטאָט פון בראַזיליע) דורך אַ געוויסן „סאָלעראַנאָ״ מיט אַ קעפּל „איז טאַקע אַן אמת, אַז 6 מיליאָן יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס?״ און אַן אונטערקעפּל „דער אמתער אמת״, ווו דער שרייבער באַוויזט מיט ליגנערישע און אויסגעטראַכטע בלבולים, אַז די ציפער „6 מיליאָן״ אומגעבראַכטע יידן אין אייראָפּע איז בלויז גרויל־פּראָפּאַגאַנדע פון מדינת־ישראל מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום. די דאָזיקע בראָשור ווערט שטאַרק פאַרשפּרייט דורך די פאַרשיידענע נאַצישע און אַראַבישע „גדולים״ אין גאַנץ דרום־אַמעריקע.

אין פראַנקרייך איז דערשינען אַ בראָשור, אויך אין פּראַכטבאַנד — אָנגעשריבן דורך אַ פראַנצויזישן פּראָפעסאָר און שרייבער פּאול ראַזיניעס א״נ „דער ליגן פון אוישוויץ״ — די דאָזיקע בראָשור ווערט בחינם פאַרטיילט אין די קאַפעען פון „מאָנמאַרט״ און אויך אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן.

אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַן אַזיאַטיש לאַנד, צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, האַלט אַן עפנטלעכע לעקציע אין איינעם פון די זאַלן אין דער געבײדע פון דער יו־ען, ווו ער שטעלט פעסט, אַז „דער טאָג־בוך פון אנא פראַנק״ איז אַ געפעלשטער און דאָס איז אַ מאַכערייקע פון אַ יידיש אַמעריקאַנער ציוניסטישן זשורנאַליסט...

און דער סענסאַציאָנעלער—שיעור נישט קיין „בעסט־סעללער״ בוך פון דעם פּראָפעסאָר בוץ אין אמעריקע א״נ „דער ליגן פון יאָרהונדערט״ אויף וועלכן דער „פּאַרטיידיקער פון מענטשן־רעכט״ אין מעלבורן — מר. בענעט פאַררופט זיך אין זיינע קאָמענטאַרן אין „אײדזש״...

★

אויף מיין קשיה אין 1945 צו דער וועלט, האָב איך, און אויך די אַנדערע נישט דערברענטע שארית־הפליטה זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס צו דעם אַזוי גערופענעם הומאַניזם, אַז מיר וועלן קיין ענטפער נישט באַקומען. לויט מיין מיינונג איז הומאַניזם צוזאַמען מיט די יידישע קרבנות פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלך־אויוונס פון אוישוויץ און טרעבלינקע. דעריבער האָבן מיר אַליין געענטפערט אויף דער דאָזיקער קשיה צו דער וועלט: „מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן און קיינמאָל נישט פאַרגעבן!

ווי אַן ענטפער אויף מיין קשיה אין 1979, דערמאָנט זיך מיר די פראַזע פון אַ קעניג אין אַ דראַמע, אָנגעשריבן דורך אַ פראַנצויזישן שרייבער — דער קעניג זאָגט אַזוי: „און אפילו מען וועט אָפּשניידן די סאָלדאַטן די הענט, וועט מען ווייטער פירן מלחמות, שטויסנדיק איינער דעם אַנדערן מיט די קעפּ...״

אַנטיסעמיטיזם פון רעכטס ביז לינקס, וועט אייביק זיין ביי די פירער פון פאַרשיידענע פעלקער דער בליץ־אָפּלייטער פאַר זייערע פאַרדאָרבענע און אין בלוט אויסגעווייקטע מעשים. דער איצטיקער „קאַמפּיין״ פון געוויסע דעגענערירטע „אינטעליגענטן״ דאַרף דינען ווי אַ בליץ־אָפּלייטער פאַר די אַלע מעשים־תעתועים וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן מדינת ישראל און קעגן גאַנצן יידישן פאָלק. איין זאַך וואָס דאַרף געטאָן ווערן מיט אַלע מיטלען אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און אויך מדינת ישראל דאַרף זיין מיטבאַטייליקט אין דעם, מיט שריפט און וואָרט:

נישט דערלאָזן חס וחלילה, אַז די שוידערלעכע ציפער פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק — „6 מיליאָן״ — זאָל געשענדעט ווערן.

צום 36טן יאָרטאָג פון העלדישן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס סימבאָליזירט די ציפער „6 מיליאָן״, לאָמיר פאַרענדיקן מיט דעם קדיש פון דעם יידיש־פראַנצויזישן שרייבער אַנדרעי שוואַרצבאַרד אין זיין בוך „דער לעצטער פון די „צדיקים״ —

„יתגדל אוישוויץ ויתקדש מיידאַנעק, שמיה־רבא טרעבלינקע — אמן!״

# „ווו זענען די זעקס מיליאָן?״

אונטער דעם קעפל, האָט דער פּרעזידענט פון „קדימה״, פּרי ווינער פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין דער ערנסטער מאָרגן־צייטונג „אײדזש״ פון 19טן מערץ ה. י.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון בריוו:

„ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון גוסען, אַ גוטבאַקאַנטער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עסטרייך, געשען איז עס דעם 5טן מאי 1945, 5 נאָך מיטאָג — האָב איך זיך דאַן נישט געקאָנט פאָרשטעלן אין מיינע ווילדסטע פאַנטאַזיעס, אַז אין 1979, וועט אַ מר. בענעט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון גאַז־קאַמערן, ווו יידן און נישט־יידן זענען געוואָרן דערמאָרדעט.

עס ווילט זיך פרעגן דעם מר. בענעט און זיינס גלייכן: ווו זענען די זעקס מיליאָן יידן? איך קאָן זיי קיין לעבעדיקע נישט געפינען, אפשר קאָן מר. בענעט אונדז אָנווייזן, ווו זיי באַהאַלטן זיך אויס?

★

„איך געדענק אַ טאָג, שפּעט אין סעפּטעמבער 1944, בשעת אַ סעלעקציע אין אוישוויץ האָט מען 1000 יידן אָפּגעקליבן צום פאַרגאַזן. אין משך פון 3 טעג זענען מיינע

**י. אָרבאַך** אויפֿן טאָג־אָרדנונג

# די וואַקכאַנאַליע אַרום דער ציפֿער „6 מיליאָן"

אין חודש יולי 1945 האָט אַ זשורנאַליסט פֿון „ניו־יאָרק טיימס" אין דער שטאָט באַרי (איטאַליע) מיך אינטערוויוירט וועגן מיינע איבערלעבענישן אין דעם נאַצישן גיהנום, זוכנדיק וואָס מער איינצלהייטן וועגן די גרויזאַמע שחיטות און שרעקלעכע מערדערייען, וואָס די נאַצישע מערדער זענען באַגאַנגען צו דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די פּויליש ווייסרוסישע געביטן. ספּעציעלע איינצלהייטן האָט ער געוואָלט וויסן וועגן דער שטאָט גראָדנע, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט פֿון יאָר 1941, זינט די נאַציס האָבן באַשטמיט דעם אַמאָליקן קאָמוניסטישן דייטשישן רייכסטאַג־דעפּוטאַט קאָבע, אַלס גאַולייטער פֿון „וויס רוטעניען" מיט דער שטאָט גראָדנע און איר אַרום — אריינגערעכנט.

דער דאָזיקער רעפּאָרטער־זשורנאַליסט, וועלנדיק געווינען מיין צוטרוי, האָט מיר באַוויזן אויסצוגן פֿון אַרטיקלען און אויך פֿאָטאָס, געדרוקטע אין „ניו־יאָרק טיימס" אין די יאָרן 1942־1943 — וועגן די נאַצישע גרוילטאַטן אין די טויטן־לאַגערן אוישוויץ, מיידאַנעק און טרעבלינקע (1942 אויסגאַבעס) און אויך וועגן דעם וואַרשעווער געטאָאויפֿשטאַנד, אויפֿשטאַנדן אין אַנדערע געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. גאָר באַזונדער, וועגן די שוידערלעכע מאַסן־עקזעקוציעס אין פּאָנאַר און באַבי־יאַר (1943 אויסגאַבעס).

אין יולי 1945, ווען איך בין אויסגעפֿרעגט געוואָרן דורך דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט וועגן דעם גרויסן חורבן אונדזערן, איז נאָך דער רויך פֿון די קרעמאַטאָריעס געהאָנגען איבער די הימלען פֿון די פֿאַרשיידענע קאָנצענטראַציע און טויטן־לאַגערן און אויך איז דאָס אומשולדיקע בלוט פֿון די מיליאָנען יידישע קרבנות פֿון זויגלינגען ביז זקנים — נאָך נישט אָפּגעקילט געוואָרן, איז אַזאַ „אינטערוויו" — פֿאַר אַן על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועטן יידן — געווען אַ געזונט־אָפּקומעניש און עס איז געווען באמת שווער צו ענטפֿערן אויף די אַלע טרוקענע רעפּאָרטאַזש־פֿראַגן, וואָס דער דאָזיקער זשורנאַליסט האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען, מיט אַלע מיינע כוחות און מיט געשטיקטע טרערן אין האַלדז, האָב איך זיך באַמיט צו געבן די כמעט הונדערט פּראָצענטיקע בילדער און ידיעות פֿאַר דעם קאָרעספּאָנדענט פֿון „ניו יאָרק טיימס", אפֿילו ווען ער האָט מיך מיט זיינע פֿראַגן אַרויסגעפֿירט פֿון גלייכגעוויכט.

וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון ביז דעם היינטיקן טאָג איז געווען מיין אויסרוף־פֿראַגע צו דעם דאָזיקן זשורנאַליסט, אונטערשרייכנדיק, אַז מיין פֿראַגע איז געווענדט צו דער גאַנצער וועלט:

„ווער וועט דאָס וועלן גלויבן וואָס איך דערצייל אייך?

ווער וועט דאָס וועלן גלויבן, אַז אין משך פֿון 5 יאָר אין דער מיט פֿון „ציוויליזירטן" 20טן יאָרהונדערט, האָט אַ פֿאָלק אין האַרצן פֿון „קולטורעלן" אייראָפּע צוזאַמען מיט אַנדערע נישט אַזוי „הויך קולטורעלע" פֿעלקער אויסגעשאָכטן אויף דעם סאַמע שוידערלעכסטן און גרויזאַמסטן אופֿן איין מיליאָן אומשולדיקע יידישע קינדער?

איך דערצייל דעם דאָזיקן „אינטערוויו" עפּיזאָד מיט 34 יאָר שפּעטער צוליב דעם, וואָס אין מעלבורן־אויסטראַליע, האָט אַ קולטורעלע טעגלעכע צייטונג „טהע אידזש" — וואָס ווערט אגב געלייענט דורך אַ גרויסער צאָל יידן — געעפֿנט איר שפּאַלטן פֿאַר אַ וואַקכאַנאַלישע דיסקוסיע וועגן דעם שוידערלעכן ציפֿער פֿון יידישן פֿאָלק... „6 מיליאָן".

דער סעקרעטאַר פֿון אַן אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע מיט אַ הויך קולטורעלן קלינגענדיקן נאָמען — „אָרגאַניזאַציע צום פֿאַרטיידיקן מענטשן־רעכט", וועלנדיק באַרעכטיקן די יידן־פֿאָבישע ראַדיאָ־סטאַציע „3 סי.אַר.", האָט זיך דערקייקלט מיט זיינע „מענטשן־רעכט" אַרגומענטן צו דעם שוידערלעכסטן אַבסורד, אַז די ציפֿער „6 מילאָן" — שטימט נישט... און נאָכמער, ער איז מסביר און טייטשט אויס פֿאַר די לייענער פֿון „אידזש", אַז די קרעמאַטאָריעס — קענען זיין — זענען נאָר געווען פֿאַר די „נאָרמאַל" פֿאַרשטאָרבענע יידישע קאַצעטלער, וועלכע זענען געשטאָרבן מיט נאַטירלעכע טויטן און, אַז די אַלע טויטןלאַגערן ווי: אוישוויץ, מיידאַנעק און טרעבלינקע, זענען געווען נישט מער ווי „נאָרמאַלע" געפֿאַנגענע־לאַגערן פֿאַר דער גרויסער צאָל יידישע געפֿאַנגענע פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס זענען געווען מלוכהשע שונאים פֿון נאַצי־רעזשים...

איך האָב אין 1945 געפֿרעגט די קשיה דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט און אויך די גאַנצע פֿרייע און קאָמוניסטישע וועלט, וועלכע איז געזעסן נאָך אונדזער גרעסטן נאַציאָנאַלן חורבן „ווי אַ טכויר איבער אַן אומצאָליקע מאַסע פֿון אויסגעשאָכטענע הינער" און די פֿראַגע איז געווען „ווער וועט דאָס וועלן גלויבן?"

איך האָב זיך אָבער אין מיינע שרעקלעכסטע פֿאַנטאַזיעס נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אין 1979 — בלויז 34 יאָר שפּעטער — וועל איך דאַרפֿן פֿרעגן אַן ענלעכע קשיה, אַז ווער האָט זיך דאָס געקענט פֿאָרשטעלן און ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז נאָך 34 יאָר, אין אַזאַ קורצן געשיכטלעכן צייט־אָפּשניט, וועלן פּראָפֿעסאָרן, זשורנאַליסטן און שרייבער אין דער פֿרייער וועלט, זיך דערקייקלען — מיט זייערע געשריבענע און גערעדטע ווערטער — צו אַזאַ אומפֿאַראַנטוואָרטלעכער שענדונג פֿון די מיליאָנען אומשולדיקע יידישע קרבנות?

און אויב איך זאָג פּראָפֿעסאָרן, זשורנאַליסטן און שרייבער בלשון רבים, איז עס נישט גלאָט געוואָרפֿן פּוסטע ווערטער אויף דער דאָזיקער דעגענערירטער מאָדערנער אינטעליגענץ — עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם אין באַרימטע אָפֿיציעלע ערטער און אויך געשריבן געוואָרן דערפֿון שוואַרץ אויף ווייס.

וועל איך ציטירן אייניקע דאָקומענטירטע פֿאַקטן:

פאַרגעסן, אַז די דאַדאָ־טראַגעדיע האָט אָנגערירט די פילבאַרע נערוון פון דעם פאָלקס־געמיט און, אַז פאַר דעם ישראל־מענטש שטייט נאָך אָפן די פראַגע, צי איז די „אַגראַנאַט־קאָמיסיע״ געווען יושרדיק און אָביעקטיוו אין איר היסטאָרישער אָפּשאַצונג.

עס האַנדלט זיך נישט אַזוי ווייט אין דער ריכטיקייט פון די עצם פאַקטן וואָס זענען אַרויסגעבראַנגט געוואָרן, ווי אין דעם, וואָס די קאָמיסיע האָט זיך באַגרענעצט צו אַ שמאָלער און באַגרענעצטער אינטערפּרעטאַציע פון זיי. עס האַנדלט זיך אין דעם צי האָט די קאָמיסיע זיך דערהויבן אויף דער הויך פון דעם היסטאָרישן מאָמענט אין דער מאָראַלישער אויפפאַסונג פון איר אויפגאַבע. זענען נאָר די מיליטערלייט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פונדאַמענטאַלע טעותן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן? און ווּ איז געווען דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער דיין? און ווּ איז געווען די העכסטע פּאָליטישע אָנפירונג פון דער מדינה, בראש מיט דער רעגירונג?

באַראַטאָווס טעזע איז קלאָר און שניידיק. ער זאָגט, אַז דורך דעם וואָס די אַגראַנאַט־קאָמיסיע האָט אָפּגעטיילט די מיליטערישע זייט פון דער פּאָליטישער, פאַראורטיילט די מיליטערישע אָנפירונג און פריי געלאָזן די אַנדערע, האָט די אַגראַנאַט־קאָמיסיע פאַרלוירן איר באַגלויב־ווערטיקייט, האָט זי מיסגעברויכט מיט דעם צוטרוי פון פאָלק וואָס האָט דערוואַרט פון איר אַן אמתן משפט וואָס זאָל אַרויסדרינגען פון אַן אויפריכטיקן נאַציאָנאַלן חשבון־הנפש.

אויך דאַדאָ טראָגט זיין חלק פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט ווייניקער פון די אַנדערע, אָבער אויך נישט מער! פאַרוואָס איז גראָד ער געוואָרן אויסגעקליבן פאַרן מעסער פון דער עקדה? פאַרוואָס האָט מען גראָד אים מפקיר געווען?

אין 1973 האָט די פּאָליטישע אָנפירונג באַשלאָסן, אַז געוויסע זאַכן דאַרפן נישט געטאָן ווערן, כדי נישט צו צעשטערן דעם סטאַטוס־קוואָ: נישט מאָביליזירן די רעזערוון, נישט באַראַטן זיך מיט די אַמעריקאַנער. אין זומער פון דעם יאָר האָבן די דאָזיקע באַשלוסן געאַרבעט, אין האַרבסט האָבן זיי נישט געאַרבעט. אָבער דער מוח וואָס האָט די גאַנצע צייט אָנגעצייכנט די ריכטונג, די ליניע, איז געווען דער פּאָליטישער מוח.

די יעניקע וואָס ספקן צי צה״ל איז געווען ווי געהעריק צוגעגרייט קעגן דער דראָענדיקער געפאַר, ענטפערט באַראַטאָוו, אַז די וואָס זאָגן אַזוי באַגייען אַ גרויסע עוולה קעגן צה״ל וואָס האָט זייער שווער געאַרבעט. פון אַ מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז צה״ל געווען גרייט. ווען נישט וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען איבערצודרייען די גאַנצע מערבה פון די קאַמפן אין משך פון געציילטע טעג. וואָס איז נישט געטאָן געוואָרן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישער אָריענטאַציע, באַרעכטיקט אָדער נישט.

דאָס פאָלק האָט זיך גענומען צום האַרצן די עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דאַדאָן. ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ער איז פּלוצלינג און אומגעריכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין עלטער פון גאַנצע 48 יאָר, האָט דאָס פאָלק רעאַגירט מיט אַן אויפריכטיקן חרטה־געפיל און אַרומגערינגלט זיין אָנדענק מיטן אָרעאָל פון אַ מאַרטירער, פון אַ טראַגישן פאָלקס־העלד וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן צו זיין דער שעיר לעזאזל, דער קרבן פאַר די זינד וואָס זענען געווען נישט נאָר זיינע.

באַראַטאָוו האָט נישט געשריבן קיין עמאָציאָנעלבעלעטריסטיש בוך, נאָר אַ גוט אויסגעפאָרשט דאָקומענטירטן, היסטאָריש־מיליטעריש ווערק. די געשיכטע פון אַ גרויסן מיליטערישן קאָמאַנדיר, וועמענס פּערזענלעכע טראַגעדיע ס'איז געווען פאַרוויקלט מיט אַ קריטישער און בלוטיקער נאַציאָנאַלער דראַמע. דאָס עמאָציאָנעל־דראַמאַטישע בוך וועגן דער דאַדאָ־פּרשה וועט נאָך געשריבן ווערן. דער לויף פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען וועט נאָך לאַנג רעגן די פאַנטאַזיע פון די קומענדיקע דורות און אָן ספק אינספּירירן די דראַמאַטורגן פון דער צוקונפט.

# אַ וואָלקן און אַ וועג

די סימבאָליק פון דעם נאָמען, איז דער דיכטער דוד וואָלפע אַליין — און אַזוי הייסט דאָס בוך לידער, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אין דרום־אַפריקע.

אויף 450 זייטן (פּראַכט אויסגאַבע) זעען מיר דעם דיכטער אויף זיין וועג, באַגלייט פון אַ וואָלקן, איז דער וואָלקן דעם דיכטערס טרוים? איז עס דער וואָלקן וואָס האָט געפירט די ייִדן אין מדבר?

צי האָבן זיך וועג און וואָלקן באַגעגנט אויפן ווייטן האָריזאָנט? די ענטפערס דאַרף דער לייענער פאַר זיך געפינען אין דעם בוך, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דוד וואָלפעס 30 יאָריקן פּאָעטישן שאַפן.

לייענען מיר אויף דער הילע עטלעכע אָנווייזונגען — ווי אַזוי צו פאַרשטיין דעם מחבר און זיין ווערק.

„אַ וואָלקן און אַ וועג״ — איז אַ בוך וואָס גיט אַן אַריינבליק, נישט בלויז אין גייסטיקן פּנים פון מחבר, נאָר אויך אַ טיפערן מהות פון זיין געפיל־וועלט.

דאָס בוך איז דער שפּיגל פון אַ ייִדן אין אַ גורלדיקער עפּאָכע פאַר זיין פאָלק און פאַר אים.

„אַ וואָלקן און אַ וועג״ איז דער צווייאיקער סימבאָלישער צייכן פון טרוים אוןווירקלעכקייט, ווּ די מיילשטיינער פון לעבנס־וועג זענען איינגעגרונטיקט און פירן דעם לייענער צום דיכטער — אים צו „פאַרשטיין״.

פון אַ גרעסערער פּאָעמע — מיט וועלכער דער דיכטער הויבט אָן זיין בוך, בעט זיך ממש אַרויסכאַפּן אַ פערז:

אַ וואָלקן און אַ וועג ליכטיקן אין שפּיגל פון זכרון —
מיט זילבער־אויגן קוקט דער וואָלקן און ער שוועבט:
אויפן גלאַטן וועג אַ פורל מיט געבראַזט איז אָנגעפאָרן,
אַ זשערעבטשיקל אַ יונגס, טענצלדיק און חי־געלעבט,
האָט געצויגן אין גאַלאָפּ, געשפּרונגען איבער יאָרן —
איז דער וועג געוואָרן קורץ, אין שאָטנס איינגעוועבט״.

ווינטשן מיר דעם דיכטער הצלחה — דער וואָלקן זאָל מער נישט פאַרשטעלן די זון, אויף זיין שפּעטערישן וועג...

אין יענער צייט אַ שם־דבר אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע, ווי עס קאָן זיך אין פלוג אויסדוכטן. ווי באַוווּסט איז די ישראל־געזעלשאַפט אַ פאַרמאַכטע, וואָס אַקצעפּטירט מענטשן פון דרויסן גאָר נישט גערן און מיט גרויסע שוועריקייטן.

נאָך זיין בלויז 3 יאָר אין לאַנד האָט ער געקאָנט געפינען אַ וועג צום האַרץ און מוח פון די יינגע סאַבּרעס, און נישט נאָר אַקצעפּטירט ווערן ווי איינער פון דער חברה, נאָר אויך ווערן זייער פּאָפּולערער מדריך און פירער, איז אַ באַווייז פון זיינע נישטגעווינלעכע אייגשאַפטן און כאַראַזמאַטישער פּערזענלעכקייט.

באַלד נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע וועלט־מלחמה און ס'איז קלאָר געוואָרן די אויפגאַבן פאַר וועלכע עס שטייט דער ישוב אין דעם פאָרשטייענדיקן געראַנגל מיט דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט און מיט דעם בריטישן מיליטער, האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דער פּלמ״ח. דער קבוץ עין־שמר, וווּ דאַדאָ האָט פאַרנומען דאַן אַ צענטראַלע וויכטיקע פּאָזיציע, האָט באַקומען אַ פאַראָרדנונג אויסצוטיילן זייער קאָנטיגענט פון חברים פאַר דער זיך שאַפנדיקער נייער פּלמ״ח אַרמיי און דאַדאָ האָט וואָלונטירט. דער קבוץ האָט זיך אַנטזאַגט צו לאָזן אים גיין, זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן אים צו באַפרייען פאַר דעם מיליטער־דינסט.

דאַדאָ האָט אָבער געטראַכט אַנדערש. ער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן זייער באַשלוס און איז אַוועק וווּהין עס האָט אים געצויגן זיין האַרץ און וווּ ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז זיין פּאַסיקער פּלאַץ.

די באַפרייאונגס־מלחמה האָט ער אָנגעהויבן ווי אַ מ״מ און פאַרענדיקט ווי אַ מג״ד (קוירנעל, קאָמאַנדיר פון אַ רעגימענט).

אין דער 6־טאָגיקער מלחמה, מיט וועלכער עס פאַרענדיקט זיך די ערשטע טייל פון בוך, האָט זיין רעפּוטאַציע פון אַ נישט־געוויינלעכן באַגאַבטן מלחמה־קאָמאַנדיר דערגרייכט נייע הויכן.

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן מיט זיין באַשטימונג פאַרן שעף פון גענעראַל־שטאַב אין 1970 ביז ערב דער יום־כפור מלחמה. דער צווייטער באַנד איז געשריבן ווי אַ טאָג־בוך פון דער יו״כ מלחמה, פון 6טן אָקטאָבער ביז דעם 25טן אָקטאָבער 1973.

דער מחבר באַראַטאָוו געהערט צו די אָנגעזעענסטע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל. דאָס זיין אַ שרייבער און אי אַ זשורנאַליסט איז געווען נויטיק און וויכטיק. דער שרייבער קומט אַרויס בעיקר אין ערשטן באַנד. דער טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט מיט אַ פאַרשאַרפטן חוש פאַרן אַקטועלן, פאַרן היינט, פאַרן צאַפּלדיקן לעבן וואָס בלוטיקט! ער איז אויך אַ היסטאָריקער מיט אַ ברייטן האָריזאָנט און זיין פאַרשטיין די העכערע מיליטערישע פּראָבלעמען ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל איז ממש דערשטוינענדיק. נישט אומזיסט האָט דאָס בוך באַקומען די פּרעסטיזש־פּרעמיע פון דער רעגירונג, אויפן נאָמען פון יצחק שדה, נאָך איידער עס דערשינען. באַראַטאָוו האָט איראָניש באַמערקט ביי אַ געלעגנהייט, אַז ווען די רעגירונג זאָל דעמאָלט וויסן דעם אמתן כאַראַקטער פון בוך, וואָלט זי וואַרשיינלעך אַנדערש געהאַנדלט.

3 יאָר האָט ער דערויף געאַרבעט און ביז היינט, זאָגט ער, האָט זיך נישט באַוויזן צו באַפרייען פון דער איבערלעבונג; ווייל ער האָט נישט געשריבן בלויז ווי אַ קאַלטער אַקאַדעמיקער, ווי אַ געדונגענער קדיש, נאָר מיט דער ליידנשאַפט פון אַן אַנגאַזשירן שרייבער, ווי אַ מענטש, ווי מ'זאָגט אין ישראל, שייכפּת לו.

פאַרטראַכטן און אָנשרייבן דאָס בוך, איז אַ שפּאַנענדיקע געשיכטע פאַר זיך. ס'איז געווען נאָך דעם ווי די אַגראַנאַט־קאָמיסיע האָט פאַרעפנטלעכט איר רעפּאָרט וואָס האָט שווער געטראָפן דאַדאָן. זיינע פריינד דערציילן, אַז דאָס פּנים פון שטענדיק פריילעכן, לעבנס־לוסטיקן, זיכערן ביי זיך דאַדאָ איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שאָטן פון אומעט, אָבער דעם וויטיק און דאָס טיפע עוולה־געפיל האָט ער געדריקט אין זיך. ווי אַנדערע, ווי ס'איז אָפט דער נוסח אין ישראל, איז ער נישט אַרויסגעקומען מיט קיין טענות און דערווידערונגען פאַר דער עפנטלעכקייט, אָבער ביי זיך האָט ער באַשלאָסן אויפצוזאַמען אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן און אָנשרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך. צו דעם צוועק האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיט באַראַטאָוון, ער זאָל אים העלפן מיט דער ליטעראַרישער רעדאַגירונג. ס'איז געווען דער טאָג פאַר זיין טויט, ערב פּסח 1976 — דערציילט באַראַטאָוו — האָט דאַדאָ אָנגעקלונגען, געווונטשן אַ חג־שמח און מודיע געווען, אַז ער האָט פאַרטיק אַלע צוגרייטונגס־מאַטעריאַלן און זיי קענען אָנהויבן שרייבן. אויף צומאָרגנס איז דאַדאָ געווען טויט.

שטאַרק איבערגענומען מיט דאַדאָס טויט האָט באַראַטאָוו אויף דער הייסער מינוט, נאָך אין זעלבן טאָג געגעבן דאַדאָס אלמנה זיין וואָרט, אַז ער וועט אָנשרייבן דאָס בוך. ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבן נענטער זיך באַקענען מיטן מאַטעריאַל איז אים קלאָר געוואָרן וואָס פאַראַ שווערע און ערנסטע פאַרפליכטונג ער האָט אויף זיך גענומען.

ס'איז אָבער נישט געווען קיין וועג אויף צוריק. צום גליק האָבן זיינע רעזערוואַציעס און די ערשטע שרעק ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן און וואָס טיפער ער איז אַריין אין דער אַרבעט אַלץ מער האָט אים באַהערשט דאָס געפיל, אַז דאָס בוך מוז אָנגעשריבן ווערן, אַז דאָס וואָס ער טוט איז אַ הייליקער חוב פאַרן אמת וואָס מוז ווי געהעריק פאַרשטאַנען ווערן, נישט בלויז כדי אויפצודעקן די פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אַ וואָרנונג פאַר דער צוקונפט, לויטן באַוווּסטן כלל, אַז „ווער עס לערנט נישט פון דער געשיכטע איז פאַרמשפט איבערצולעבן נאָכאַמאָל אַלץ פונדאָסניי״. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט זיין אויפגאַבע: „כ'האָב געוווּסט — זאָגט באַראַטאָוו — אַז לעבעדיק אָדער טויט, זיין אָנגעהויבענע אַרבעט וועל איך פאַרענדיקן״.

ס'איז אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פאַר אַלע אמת־זוכער וואָס אַט די קאָלאָסאַלע אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דעם פאַרדינטן דערפאָלג. פון דעם רושם וואָס דאָס בוך האָט אַרויסגערופן איז קלאָר, אַז דאָס לאַנד האָט נישט

י. זעמעל

# די טראַגעדיע פון אַ העלדישן קאָמאַנדיר

אין דער יידישער געשיכטע געפינען מיר נישט ווייניק טראַגישע געשטאַלטן פון באַרימטע פאָלקס־פירער, וואָס הגם זיי האָבן געדינט דאָס פאָלק געטריי און דערפאָלגרייך, איז אָבער דער חסד פאַר זייערע אויפטוען נישט שטענדיק זיי בייגעשטאַנען אין דער שעה ווען זיי האָבן דאָס אַממערסטן געדאַרפט. אַזוי איז געווען מיט משה רבנו, אַזוי איז געווען מיטן ערשטן יידישן קעניג שאול און אַזוי איז עס אויך געווען אין אונדזער נייסטער צייט מיטן 9טן רמטכ״ל פון צה״ל, גענעראל דוד אלעזר, דעם הויפט־קאָמאַנדיר פון דער ישראל־אַרמיי בעת דער יום כפור־מלחמה.

דער שעף פון דעם ישראלדיקן גענעראַל־שטאַב האָט זיך אין דער אכזריותדיקסטער פון אַלע פריערדיקע מלחמות אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער אומגעוויינלעכער גרויס און דערפילט די גרויסע האָפנונגען וואָס מ'האָט געלייגט אויף אים. אַ גלענצדיקער קאָמאַנדיר וואָס האָט אין די שווערסטע באַדינגונגען פון די שרעקלעכע טעגביים אָנהויב באַוויזן צו באַהערשן אַלע אָפשניטן פון פראָנט. וואָס קאָמפּליצירטער ס'איז געוואָרן די סיטואַציע אַלץ בולטער איז אַרויסגעקומען די הויכע קוואַליטעט פון זיין טאַלאַנטירטער פירערשאַפט; זיין פיזישער און גייסטיקער כוח, זיין מוט און געוואַגטקייט, זיין עקשנות און קלאָרער געדאַנק. נישט קיין אַנדערע ווי גאָלדע מאיר האָט שפּעטער זיך אויסגעדריקט, אַז אויב עס איז געווען אַ העלד אין דער יום־כפור מלחמה איז עס געווען דער גענעראל דוד אלעזר, אָדער ווי דאָס פאָלק האָט אים מיט ליבשאַפט גערופן — דאַדאָ. דאָס אַלץ האָט אים אָבער ווייניק געהאָלפן אין דעם טאָג פון זיין משפט פאַר דער אַגראַנאַט־אויספאָרשונג־קאָמיסיע.

די אַגראַנאַט־קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן לויטן פאַרלאַנג פון דער ישראל עפנטלעכער מיינונג, אונטערן דרוק פון פאָלק, וואָס האָט זיך נאָך דער מלחמה, נישט קוקנדיק אויפן גרויסן נצחון, געפונען אין אַ צושטאַנד פון טיפער צערודערונג און שאָק. די גרויסע צאָל געפאַלענע, די אַנטוישונג אין דעם אילוזאָרישן אָפטימיזם פון דער רעגירונג און פון דער מידיאַ האָט גורם געווען אַ געדריקטע שטימונג און אַן אַראָפּגעניידערטע מאָראַל. דאָס פאָלק האָט געוואָלט וויסן און געהאַט די רעכט צו וויסן וווּ ליגט די שולד פאַרן „מחדל״ און פאַר די טעותדיקע פראָגנאָזן. ווער איז פּאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַטאַלער מיסאינטערפּרעטאַציע פון דער ווירקלעכקייט, פאַר דער אַזוי גערופענער אומגליקלעכער „קאָנצעפּציע״. פאַרוואָס איז געווען אַזוי שלעכט ביים אָנהויב?

די אַגראַנאַט־קאָמיסיע האָט אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון דער מיליטער־אָנפירונג, פון דער מיליטערישער אינטעלידזשענס און פון רמטכ״ל אלעזר. בעיקר איז די שולד געפאַלן שווער אויף דאַדאָן. ער איז געווען דער הויפט־קאָמאַנדיר און דעריבער דער הויפט־פאַראַנטוואָרטלעכער.

דאָ הויבט זיך דאַדאָס פערזענלעכע טראַגעדיע. עס איז אָבער נישט בלויז דאַדאָס פערזענלעכער ענין אַליין. עס עגבערט ביי פיל מענטש דער ספק: צי איז דער אורטייל געווען אַ יושרדיקער? פאַרוואָס גראָד ער?

ווען דער מיליטערישער הויפט־רב האָט אים מספיד געווען ביים אָפענעם קבר אויפן הר־הרצל האָט ער אָנגעוויזן אויף דער טיפער פּסיכאָלאָגישער אָבסערוואַציע פון אונדזערע חכמים וואָס האָבן געזאָגט „הכל תלוי במזל, אפילו ספר־תורה שבהיכל״.

איז אפשר פאַראַן אַ געוויסער פּסיכאָלאָגישער אמת אין דער ראָל וואָס גורל און מזל שפּילן אין דעם לעבן פון אַ מענטש, אָבער דערמיט צו פאַרענטפערן אינגאַנצן די פּרשה דאַדאָ וואָלט געווען אַן אומפאַרגעבלעכע עוולה, אַן הימל־שרייערנדיקער אומרעכט.

מיר האָבן אַ חוב פאַר אונדזער געוויסן און פאַר דער געשיכטע צו וויסן דעם גאַנצן אמת. און דאָס איז די טעמע פון דעם נאָרוואָס דערשינענעם בוך: „דאַדאָ — 48 יאָר און נאָך 20 טעג״ פון חנוך באַראַטאָוו. *

איבערנאַכט איז דאָס בוך געוואָרן אין ישראל אַ בעסטסעללער. אין דעם ערשטן טאָג פונעם באַוויזן זיך אין די בוכהאַנדלונגען איז אויספאַרקויפט געוואָרן די גאַנצע 1טע אויפלאַגע פון 15.000 עקזעמפּלאַרן. אויך די 2טע אויפלאַגע איז שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן.

דער ערשטער באַנד באַשטייט פון 2 טיילן. דער ערשטער טייל הויבט זיך אָן פון זיין געבורט אין סאַראַיעוואָ, דער יוגאָסלאַווישער באָסניע.

אין די 30ער יאָרן האָט דאַדאָ געלערנט אין דער זאַגרעבער רעאַל־גימנאַזיע און געהערט צום קן פון „השומר־הצעיר״ צוזאַמען מיט זיין יוגנט־חבר חיים זאַסלאַווסקי, דעם היינטיקן גענעראַל חיים בר־לב. ער איז געווען באַליבט און פּאָפּולער צווישן זיינע חברים, ווייל ער איז געווען אַ פריילעכער, האָט געהאַט אַ גוטן אויסזען, אַ גוטער ספּאָרטסמאַן און געקאָנט שיין זינגען. ער האָט אויך גענומען ערנסט די הגשמה־אידעאַלן פון „השומר־הצעיר״ און געטראַכט וועגן עליה.

אין סוף 1940, עטלעכע חדשים נאָך זיין 15טן געבורטסטאָג איז ער עולה געווען מיט אַ סערטיפיקאַט פון דער 'עליית הנוער' און קומט אָן אין קבוץ שער־העמקים, ווו ער גייט דורך די ערשטע יאָרן פון אַקלימאַטיזאַציע אין לאַנד.

פון די פיל אינטערעסאַנטע פּרטים אין בוך איז אפשר כדאי צו דערמאָנען איין כאַראַקטעריסטישן פאַקט — זיין שנעלע און פולע אינטעגראַציע אין דער ישראל־געזעלשאַפט. ער ווערט געשיקט אין שטאָט אַריין אָנצופירן מיטן שומרישן קן אין קריית־חיים, וואָס איז זעט אויס געווען

---

* חנוך ברטוב — „דדו — 48 שנה ועוד 20 יום״ כרך א' וכרך ב', הוצאת „ספרית מעריב״ 1978. 324 זייטן + 367 זייטן.

וויזט פרויד אָן, אַז דער נאָמען משה באַווייזט זיך צווישן עגיפּטישע הערשער.

נאָך מער — פרויד האַלט, אַז דער מאָנאָטעאיזם, וואָס איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף די העברייער דורך משהן, איז געווען דער מאָנאָטעאיזם פון איקנאַטאָן, אַ פּרעה וואָס האָט רעגירט פון 1375 ביז 1360 (פאַר אונדזער צייט־רעכענונג). דער מאָנאָטעאיזם איז געוואָרן אויסגעוואָרצלט פון די פּרעהס, וועלכע האָבן רעגירט מיטן לאַנד שפּעטער.

משה, וואָס איז געווען דער פּאָליטישער פירער פון די העברייער, וועלכע זענען געווען פאַרשקלאַפט אין דער עגיפּטישער פּראָווינץ פון גושן, איז געבליבן דער אָנהענגער פון איקנאַטאָנס שטרענגן מאָנאָטעאיזם אפילו נאָך זיין ירידה, און האָט געצוווּנגען זיינע אָנהענגער צו אַקצעפּטירן די רעליגיע, מיט געוויסע אויסבעסערונגען, באַזירט אויף זיינע דערפאַרונגען אין מדין, און זיין קאָנטאַקט מיטן מדבר־גאָט פון זיין שווער יתרון.

פרויד נעמט אָן, אַז יציאת מצרים איז פאָרגעקומען צווישן די יאָרן 1358 און 1350 (פ.א.צ.) אין דער דעקאַדע פון אומרוען, וועלכע זענען פאָרגעקומען נאָכן טויט פון איקנאַטאָן, און דאָס צוריקשטעלן פּאָליטעאיזם (פיל־געטער) אין עגיפּטן.

משה'ס פּאַרלאַנג איז געווען צו מאַכן אַ הייליק פאָלק פון די העברייער, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט פון גושן, און וועלכע האָבן געוואָנדערט צוזאַמען מיט אים אַ סך יאָרן אין דער ווילדערניש.

די מענטשן האָבן זיך אָפט געבונטעוועט קעגן דעם שטרענגן רעליגיעזן יאָך, און צום סוף האָבן זיי אים דערהרגעט.

נאָך דעם האָבן די שבטים, וואָס זענען אַרויס פון עגיפּטן זיך פאַרבונדן מיט קרובישע סעמיטישע שבטים, וועלכע זענען קיינמאָל אין מצרים נישט געווען און צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַן איינהייטלעך פאָלק. די פּאַראַייניקטע שבטים זענען אריינגעדרונגען אין כנען, און זיך דאָרט באַזעצט.

נאָך אַ פּעריאָד פון פּאָליטישער איינהייט — האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעטיילט באַזונדער, אין צוויי טיילן און געשאַפן צוויי באַזונדערע מדינות: מלכות ישראל און מלכות יהודה.

משה, וועלכער האָט שוין נישט געלעבט בשעת דאָס אַריבערגיין דעם ירדן, האָט אויך נישט אָנטיילגענומען אין דעראָבערן דאָס פּרוקטבאַרע לאַנד, וועלכעס ער האָט פאַרויסגעזען פאַר די העברייער.

די לוויים אָבער, ווי זיינע אָנהענגער זענען געבליבן געטריי זיין לערע, און ווי אַ קולטורעל העכערע גרופּע, האָבן זיי דעריבער געקאָנט דערפירן צום ענדגילטיקן זיג פון משה'ס מאָנאָטעאיסטישער רעליגיע.

פרוידס היפּאָטעזע וואַרפן אָפּ כמעט אַלע יידישע, פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע געלערנטע.

## היינריך היינע

דער פּאָעט היינריך היינע טוט אָמבעסטן רעזומירן די העכסטע דערגרייכונג פון משהן מיט די דאָזיקע ווערטער: „ער האָט נישט געשאַפן — ווי די עגיפּטער — זיינע קינסטלערישע ווערק פון ציגל און גראַניט. ער האָט ענדער געבויט מענטשלעכע פּיראַמידן, ער האָט גענומען אַן אָרעמען שבט פון פּאַסטוכער און געמאַכט פון זיי אַ פּאָלק, וועלכעס זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן יאָרהונדערטער, אַ גרויס, אייביק, הייליקע אומה. גאָטס אומה, וואָס קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. באמת — פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט באַשאַפן ישראל״.

יידיש: מ.א.

# חיים מאַלטינסקי...

דאָס דריטע לידער־בוך פון חיים מאַלטינסקי הייסט: „מיין דמיון־בריק״. פּונקט ווי די פריערדיקע — דריקן די לידער אויס דעם צער פון אַ יידישן פּאָעט, וועלכער האָט געקעמפט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי קעגן די נאַציס, פאַרלוירן אַ פוס, געקראָגן אויסצייכענונגען, און... אַ שפּעטער ביסל יאָר אָפּגעפּינצטערט אין אַ סאָוויעטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

מען פילט אויך אין די לידער דעם איינגעהאַלטענעם צאָרן קעגן באַגאַנגענעם אומרעכט, און די ערשטע שטילע פרייד פון קאָנען שאַפן אין אַ פרייער אַטמאָספער — אין מדינת ישראל.

פון לידער־בוך (179 זייטן און אַזוי פיל לידער) נעמען מיר אַרויס אַ „סטאַטעטשנע״ ליד, אַ שטימונגס־ליד, אין וועלכעס מיר דערשפירן די מוזיק פון מאַלטינסקיס דיכטונג.

## ס'איז דער פּיקהאָלץ

„יעדער קומט אויף דער ערד מיט זיין אייגענעם חן״ —
אַ, דו, הייבסט דאָך אָן, ברודערקע, פּונקט ווי אַ מגיד.
בעסער בלייב דאָ אין וואַלד אויף אַ רגעלע שטיין,
הער זיך איין צווישן סאָסנעס און יעלן, ווער ס'גראַגערט?
...סוף אַפּריל אינעם גרינעם ווייסרוסישן וואַלד
שטיי איך שטיל און איך האָרך און איך פאָרש און איך זיך וווּנדער.
אַך, אַ שטיפער דאָ ערגעץ פון מיר זיך באַהאַלט,
מיטאַמאָל, איך דערזע אים דעם מזיק און קונדס.
ס'איז דער פּיקהאָלץ דער שיינער, ווי קונציק ער דרייט
מיט זיין שנאָבל און רווישיקע קלאַנגען זיך טראָגן.
אָט אַזוי (איך דערמאָן זיך) האָב איך קליינערהייט
מיט מיין גראָגער דעם ביטערן המן געשלאָגן...

צוליב דער טראַגעדיע פון דער פּערסישער דינאַסטיע, נאָר אויך לערנענדיק דעם פּשט, אַז אויב אַמעריקע איז גרייט אָפּצונאַרן אפילו די דעמאָקראַטישע ישראל, וואָס איז איר געטרייסטער פריינד, און ווי אַזוי קענען די דעספּאָטישע אַראַבישע פו׳ינג׳ן זיך פאַרלאָזן אויף אמעריקע?... דאָס הייסט נישט, אַז סאוד אַראַביע האָט אַ ברירה (די פּרינצן פון סאוד אַראַביע געדענקען נאָך די אויסגעשאָכטענע דינאַסטיע פון איראַק), נאָר רעכענענדיק אויף די טפּשות פון דער קאַרטער־אַדמיניסטראַציע, שאַנטאַזשירן זיי אמעריקע דורך חנדלען זיך מיט די ראַדיקאַלע אַראַבישע מדינות.

סענאַטאָר טשערטש, דער פאָרזיצער פון דער אויסערן־פּאָליטישער קאָמיסיע פון סענאַט האָט דאָס איינגעזען, ווען ער האָט לעצטנס געוואָרנט די קאַרטער־אַדמיניסטראַציע קעגן צושטעלן געווער צו סאוד־אַראַביע, אָן אַ פאַרפּליכטונג פון סאוד אַראַביע צו שטיצן דעם שלום־אָפּמאַך מיט ישראל.

דער שלום־אָפּמאַך צווישן מצרים און ישראל און דער ש׳ום צושטאַנד אינעם מיטעלן מזרח פאַרלאַנגט, אַז די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע זאָל זיך אויסניכטערן. ליפערן די נייסטע און בעסטע וואָפן צו די „איין שאָס״־רעזשימען וועט נישט פאַרזיכערן שלום אין דעם ראַיאָן. (אינעם פּאָליטישן זשאַרגאָן הייגט אַן „איין שאָס״־רעזשים״, אַ רעזשים, וואָס צעפאַלט זיך מיט איין שאָס...).

די שטאַרקייט פון ישראל ליגט נישט נאָר אין איר שטאַרקער אַרמיי, נאָר אין דער סטאַביליטעט פון איר דעמאָקראַטישן רעזשים. אין דעם לעצטן מייל אויפן לאַנגן וועג פון שלום מוז אמעריקע דאָס אָנערקענען.

# דער טויט פון משהן

### פּראָפ. סאָל ליפּצין

פּראָפּ. ליפּצין איז אַ באַקאַנטער ליטעראַטור־קענער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט זיבעצן בענד, ווו ער באַהאַנדלט די וועלט־ליטעראַטור.

אין זשורנאַל, וועלכן עס גיט אַרויס די אַלוועלטלעכע יידישע תנ״ך געזעלשאַפט אין ישראל (ענגליש) „דור לדור״, און פּראָפּ. ליפּצין איז אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אינטערעסאַנטער און באַלערנדער עסיי (נר. 4, 1978) וועגן משה רבינו, די נביא געשטאַלט, וועלכע אינטערעגירט און רעגט אָן דיכטער דראַמאַטורגן, עסייאיסטן און ביבל־פאָרשער.

צוליב באַגרענעצטקייט אין פּלאַץ, ברענגען מיר בלויז עטלעכע אויסצוגן פון דער עסיי.

די רעדאַקציע

### אחד העם

אין אַן עסיי וועגן משהן (1904) ראַנגלט זיך אחד העם מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָט דער נביא געמוזט שטאַרבן, אידער ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבנס־ווערק?

דער אָריגינעלער דענקער קומט צום אויספיר, אַז רעאַליטעט פאַרלאַנגט קאָמפּראָמיסן מיטן אידעאַל. אַ נביא ווי משה קאָן געבן הערלעכע אידייען צו מענטשן, אָבער דורכפירן זיי, זענען נויטיק פּראַקטישע מענטשן, ווי יהושע, וועלכע זענען גרייט צו אַקצעפּטירן די ווירקלעכע מענטשלעכע סיטואַציע, וועלכע איז ווינציקער ווי פּערפעקט.

### קאַרל האַופּטמאַן

צוויי יאָר נאָך אחד העם, האָט דער דייטשער דראַמאַטורג קאַרל האַופּטמאַן אָנגעשריבן אַ פינף־אַקטיקע דראַמע: „משה״ (1906). די דראַמע פאַרענדיקט זיך מיט זאַלבן יהושען אַלס פירער פון דער קאָנפעדעראַציע פון שבטים, וועלכע דאַרפן אריבערגיין דעם ירדן, אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, און מיט דער וויזיע פון אַן אידעאַלער צוקונפט פאַר די יידן.

מאָדעלירנדיק דעם אויספיר אין דער דראַמע, לויטן לעצטן אַקט פון געטעס „פאַוסט״, לאָזט האַופּטמאַן דעם געעלטערטן משהן, ווי דעם יאָרהונדערט אַלטן פאַוסט, זיך צוקוקן צו דעם לאַנד אַזוי ווייט, ווי ווייט זיין פאַנטאַזיע קען דערגרייכן. ער זעט פאָר ווייַנגערטנער און גאָלדענע ווייצן־פעלדער, וועלכע וועלן שפּראָצן אין דעם אונטערשטן טאָל (משה שטייט דאַן אויפן באַרג נבון) און שטעט וואָס וועלן אויפוואַקסן און זיך אַנטוויקלען אין שלום.

ער נעמט אַרום דאָס צוגעזאָגטע לאַנד מיט זיינע אויגן. ער דריקט עס צו, צו זיין ברוסט. ער לעבט איבער אַ שעה פון דערהויבענער גליקזעליקייט, און פאַלט אַנידער, ווען ער דערהערט דאָס געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון דער־ווייטן. דאָס זינגט זיין פאָלק, זיינע מענטשן אויף זייער פאָרויסמאַרש צו דער היים פון זייערע אבות.

### זיגמונד פרויד

אין דער עסיי „משה און מאָנאָטעיזם״ (1937־39) נעמט פרויד אָן די טעאָריע פון דייטשן אַרכעאָלאָג און ביבל־פאָרשער ערנסט סעלין (1922), אַז משה איז געוואָרן דער־מאָרדעט פון די העברייער, וועלכע ער האָט באַפרייט פון עגיפּטישער אונטערדריקונג.

וועדליק פרוידן, איז משה געווען אַן עגיפּטער. וואַר־שיינלעך פון אַדעליקן געבורט — קען זיין אפילו — אַ זון פון אַ פּרינצעסין. דערפאַר איז ער דערצויגן געוואָרן אין פּרעהס קעניגלעכן הויף, און אַבסאָרבירט עגיפּטישן וויסן.

די לעגענדע טראַנספאָרמירט אים אין אַ יידיש קינד, וועלכעס פּרעה׳ס טאָכטער האָט געפונען אין אַ קעסטל געפלאָכטן פון איר, ביים ברעג פון ניל. דאָס קעסטל, אין פרוידס אויסטייטשונג, איז געווען דער מוטערס טראַכט, און דערמיט סימבאָליזירט די לעגענדע דאָס אַקצעפּטירן דאָס קינד פון דער עגיפּטישער מאַמען, ווי איר אייגנס. ווי צוגאָבלעכע באַווייזן פון משהס עגיפּטישער אָפּשטאַמונג.

דר. מ. פֿערשטענדיק

אין דער לעצטער מינוט

# פון קעמפּ־דייוויד – דער לאַנגער וועג

ביים שרייבן די דאָזיקע שורות ווייסן מיר שוין, אַז ס'איז געקומען צו אַ פֿאַרשטענדעניש צווישן מצרים, ישראל און אמעריקע וועגן די „איינצלהייטן" פון דעם שלום־אָפּמאַך. מ'האָפט, אַז אין אַ וואָך צוויי וועט דער שלום מיט מזל אונטערגעשריבן ווערן און די טעלעוויזיע וועט די צערעמאָניע פון דער היסטאָרישער געשעעניש ברענגען פאַר די אויגן פון מיליאָנען אין דער גאַנצער וועלט.

וואָס די „איינצלהייטן" זענען, ווי וויט זיי זענען אין סתירה מיט די קעמפּ־דייוויד אָפּמאַכן ווייסן מיר נאָך נישט. מיר זענען אפילו נישט זיכער צי אַ קאַץ וועט נישט פאַרלויפן דעם וועג און ווידער פאַרשלעפּן דאָס אונטערשרייבן דעם שלום.

אין זאַך ווייסן מיר, אַז אויב אפילו דער שלום־אָפּמאַך וועט אונטערגעשריבן ווערן, אויב אפילו די „איינצלהייטן" זאָלן נישט רעדוצירן די ממשותדיקייט פון די קעמפּ־דייוויד פאַרשטענדיקונגען, וועט די גרויסע געשעעניש מער נישט האָבן דעם גלאַנץ און דער פאַרדאַכט, וועט זיין גרעסער, ווי די פרייד.

די צדדים אין קעמפּ דייוויד האָבן זיך אויך געראַנגלט פאַר יעדן אות. אָבער ווען די קעמפּ־דייוויד אָפּמאַכן זענען אונטערגעשריבן געוואָרן פאַר די אויגן פון הונדערטער מיליאָנען צושויער, איז די יידישע און די נישט יידישע וועלט באַהערשט געוואָרן פון התלהבות און התפּעלות. דער גייסט און די אינספּיראַציעס פון די קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַכן געהערן היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט — אַ משעה שהיה.

וואָס איז דאָ געשען?

ווען די צדדים אין קעמפּ־דייוויד האָבן זיך געאַמפּערט פאַר יעדן אות און ווערטלעך פאַר אַ קאָמאַ, זענען זייערע אויגן געווען געווענדעט צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, וואָס איז היינט קוים 5 חדשים שפּעטער אַזאַ מעשה שהיה, ווי די אַמאָליקע מאַכט פון דעם עסטרייכיש־אונגאַרישן קעניגרייך פון קיסר פראַנץ יאָזעף...

די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט געחלומט וועגן אַ מיליטערישער אַקס, וואָס זאָל ארומנעמען איראַן (די גרעסטע רעגיאָנאַלע מיליטערישע סופּערמאַכט), סאוד אַראַביע, מצרים און ישראל. דער ציל פון דער דאָזיקער אַקס איז געווען צו נייטראַליזירן די סאָוויעטישע השפּעה אינעם מיטעלן מזרח און פאַרזיכערן דעם נאַפט־שטראָם פון פערסישן גאָלף פאַר דער מערב־וועלט. — די דאָזיקע אַקס ליגט היינט אַ צעבראָכענע אין די מדבריות פונעם מיטעלן מזרח.

אַן איבערנאַכט איבערקערעניש האָט פאַרוואַנדלט אַפגאַניסטאַן אין אַ סאָוויעטישן סאַטעליט. די נייצייטיקע פערסישע אימפּעריע פון דער פאַלאַווי דינאַסטיע איז זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־הויז. סאוד אַראַביע און כוסיין פון ירדן פלירטעווען מיט די ראַדיקאַלע לינקע אַראַבישע עלעמענטן, בעת די „פאָלקס דעמאָקראַטישע" רעפּובליק פון דרום־תימן (אַ סאָוויעטישער סאַטעליט) אַטאַקירט צפון־תימן כדי זיך צו דערנענטערן צו די גרענעצן פון סאוד־אַראַביע...

ס'אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז די אומגעלומפּערטע אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָט א סך בייגעטראָגן צו דער פאַרענדערטער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע.

פרעזידענט קאַרטער און זיינע יועצים האָבן אונטערגעפירט און פאַרפירט דעם שאַך פון איראַן און צום סוף האָבן די אַמעריקאַנער געליטן א מפּלה, וואָס אין אירע קאָנסעקווענצן איז זי גרעסער און געפערלעכער, ווי די מפּלה פון אמעריקע אין וויעטנאַם.

ס'אונטערליגט אויך נישט קיין צווייפל, אַז די שוועריקייטן פון אימפּלעמענטירן און דאָס פאַרוואַסערן די קעמפּ־דייוויד אָפּמאַכן איז די שולד פון פרעזידענט קאַרטער און זיינע ראַטגעמער.

סאַדאַט, ביים אונטערשרייבן די קעמפּ־דייוויד אָפּמאַכן האָט זיכער גערעכנט, אַז אַמעריקע וועט אויסאיבן אַ דרוק אויף דעם קעניג און די פּרינצן פון סאוד אַראַביע און אויף דעם קעניג כוסיין פון ירדן, אַז זיי זאָלן שטיצן די שלום־אָפּמאַכן פון קעמפּ־דייוויד.

אַמעריקע איז געווען אומשטאַנד אויסצואיבן אַזאַ דרוק, ווייל פאַקטיש עקזיסטירן די רעזשימען אין סאוד אראביע און ירדן מיטן חסד פון אמעריקע און די דאָזיקע מושלים האָבן נישט ערגעץ אַנדערש וווּ צו גיין. אָבער פרעזידענט קאַרטער און זיינע באַראַטער, אָנשטאָט אויסצואיבן אַ דרוק אויף סאוד אַראַביע און ירדן — האָבן זיי אויסגעוויילט אויסצואיבן אַ דרוק אויף ישראל.

ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אז די הויפּט־ענדערונגען אין די קעמפּ־דייוויד אָפּמאַכן וואָס סאַדאַט האָט פאַרלאַנגט — זענען רעדאַגירט געוואָרן דורך גאָר הויכע באַאַמטע פון סטייט דעפּאַרטמענט. דער צוועק איז געווען צוריקצודרייען דאָס ראָד, „כשר צו מאַכן" סאַדאַטן און באַווייזן, אַז סאַדאַט מיינט נישט קיין סעפּעראַטן שלום מיט ישראל, נאָר לייגט איין וועלטן פאַר די פאַלעסטינער און אַנדערע אראבישע מדינות. אויף אַזאַ אופן האָט דער סטייט דעפּאַרטמענט געוואָלט איינקויפן פאַר סאַדאַטן חסד אין די אויגן פון די מושלים אין סאוד אַראַביע און ביים נעבעכדיקן קעניג כוסיין.

די קאָנסעקווענץ פון אַזאַ האַנדלונג איז געווען, אַז דער שלום־אָפּמאַך צווישן מצרים און ישראל איז זיך כמעט צעפאַלן און קאַרטער בכבודו ובעצמו מיט זיינע הויפּט־באַראַטער זענען געפאָרן קיין ירושלים און קאַיר ראַטעווען די סיטואַציע. אָבער דער גייסט און דער גלאַנץ פונעם פאַרשטייענדיקן אָפּמאַך איז פאַרשוווּנדן, נאָך איידער ער איז געוואָרן אונטערגשריבן.

און נאָכמער: ס'ליגט זיך אויפן שכל, אַז סאוד אַראַביע האָט פאַרלוירן דאָס צוטרוי צו אַמעריקע נישט נאָר

מיט אַ רעגירונגס־אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס די וועסט־אויסטראַלישע רעגירונג האָט געגעבן צו זיין דיספּאָזיציע.

די וויסנשאַפטסלייט האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די געגנט איז פּאַסיק פאַר ווייסער קאָלאָניזאַציע.

ד״ר שטיינבערגס מיסיע איז נישט געווען קיין לייכטע. ער האָט געמוזט געווינען די סימפּאַטיע ביים אויסטראַלישן פאָלק, ביי דער לייבאָר־פּאַרטיי, ליבעראַלער פּאַרטיי, די אינטעליגענץ, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, גייסטלעכע און דעפּוטאַטן פון פעדעראַלן־ און סטייטס־פּאַרלאַמענטן.

ד״ר שטיינבערק האָט אומעטום נושא חן געווען, געוואונען פריינד און סימפּאַטיקער פאַר זיין מיסיע ביי אַלע שיכטן פונעם אויסטראַלישן פאָלק, אָנהויבנדיק פונעם פּראָסטן אַרבעטער, ביזן ריכטער פונעם העכסטן געריכט.

ער האָט עס דערגרייכט נישט בלויז צוליב זיין באַצויבערנדיקער פּערזענלעכקייט און גלענצנדער אָראַטאָרישער קונסט, נאָר אַלס איבערגעגעבענעם מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן פאַר זיין מיסיע.

איך האָב אים פיל מאָל געהערט רעדן אויף ענגליש, אויף די טריבונעס פון די טרייד־יוניאָנס און אויף יידיש אין „קדימה״. ער האָט אויף יעדן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין פייערדיקן פּאַטאָס און ערנסטקייט, מיט ווערטער, וואָס זענען ארויסגעקומען פון די טיפענישן פון זיין האַרץ. דער זעלבער מענטש וואָס האָט אַמאָל געדינט דאָס רוסישע פאָלק, האָט איצט געאַרבעט פאַר זיין אייגן פאָלק, אויף אַ וועג וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק.

ד״ר י. נ. שטיינבערג ע״ה האָט געוואָלט געווינען די שטעלונג פון די טרייד־יוניאָנס; ער האָט גערעדט אויף זייערע פאַרזאַמלונגען און געפונען די אונטערשטיצונג פון די עקזעקוטיוון פון די טרייד־יוניאָנס אין וויקטאָריע, נ׳ס׳וו׳ און וועסט־אויסטראַליע.

דעם 25טן אויגוסט 1939 האָט די מערב־אויסטראַלישע רעגירונג געגעבן איר הסכמה. ער האָט אויך געפונען סימפּאַטיע ביי וויכטיקע טיילן פון אויסטראַלישן פאָלק, ווי: פּראָפעסאָרן, פּאָליטיקער, גייסטלעכע און אַנדערע פּראָמינענטע בירגער, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט אין דער אויסטראַלישער פּרעסע מיט 46 אונטערשריפטן.

אַלע טויערן זענען געווען אָפן פאַר ד״ר שטיינבערג און זיין מיסיע. ער האָט זיך אָפט געטראָפן מיט הויכע רעגירונגס־לייט, געווען עטלעכע מאָל ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר און זיך געזען מיטן דעמאָלטיקן פּרעמיער־מיניסטער מענזיס.

דער קימבערלעי־פּראָיעקט האָט אויך אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין דער יידישער וועלט־פּרעסע — פאַר און קעגן. נאַטירלעך איז געווען אַ שאַרפע אָנקלאַגע, אַז דער קימבערלעי־פּראָיעקט איז אַנטי־ציוניסטיש און איז אַ קאָנקורענץ קעגן ארץ־ישראל. אָבער ווי קען מען צווייפלען אויף אַ מענטש און פרומען ייד, ווי דער פאַרשטאָרבענער ד״ר שטיינבערג ע״ה, אַז ער איז קעגן א״י און שיבת־ציון? אַ מענטש וואָס האָט דריי מאָל אין טאָג געדאַוונט און ביי מיטאָג־עסן ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר זיך אָפּגעזאָגט צו עסן נישט כשרע מאכלים?

ד״ר שטיינבערג האָט געגלויבט, אַז ארץ־ישראל וועט נישט קענען לייזן די פּליטים־לאַגע פון אייראָפּע אין 1940. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די טויערן פון א״י זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכט דורך בעווינס פּאָליטיק, וואָס אפילו די „סטרומאַ״־קרבנות האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

צי קען מען גלויבן, אַז ענגלענדער, וואָס באַזעצן זיך אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט זענען קעגן ענגלאַנד; אָדער פראַנצויזן, אירלענדער קעגן זייערע פאָטערלענדער?

ד״ר שטיינבערג האָט געזען דעם דורכפאַל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; ער האָט געזען די פעלערן וואָס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן, ער האָט אָבער געגלויבט, אַז אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין קימבערלעי וועט נישט מאַכן די זעלבע פעלערן. ער האָט געגלויבט, אַז „אויסטראַלישע יידן״ וועלן זיין אַ נייער שבט פונעם יידישן פאָלק, פּונקט ווי אַמאָל, אין די צייטן פון ארץ־ישראל זענען געווען בבל־יידן, אַלעקסאַנדריע־יידן און שפּעטער אַראַבישע יידן, שפּאַנישע יידן, פראַנצויזישע יידן. ער האָט דעם געדאַנק פאָרמולירט אין פאַרשידענע ביכער און בראָשורן פאַרן קימבערלעי־פּראָיעקט.

טראָץ אַלע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און דערפּאָלגן ביי פאַרשידענע קרייזן פונעם אויסטראַלישן פאָלק און סטייט־רעגירונג פון מערב־אויסטראַליע, איז דער קימבערלעי־פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער פעדעראַלער רעגירונג אין קאַנבעראַ און דורך דעם פּרעמיער־מיניסטער מענזיס.

סיבות זענען געווען פיל, אָבער די הויפּט־סיבה איז געווען די, וואָס אויסטראַליע איז געווען שטאַרקט פאַרפליכטעט אינעם צווייטן וועלט־קריג, און די ענגלישע רעגירונג איז געווען קעגן דעם פּראָיעקט.

ד״ר שטיינבערג ע״ה האָט טריי געדינט דעם יידישן פאָלק און זיין פּראָיעקט גייט אריין אין די בלעטער פון יידישער געשיכטע צוזאַמען מיט די פּלענער צו לייזן דעם פּראָבלעם פון יידישן פּליטים, פון ד״ר הערצל אין אוגאַנדאַ און באַראָן הירש אין אַרגענטינע.

ד״ר שטיינבערגס וויזיע וועגן באַזעצן יידן „אויפן לאַנד פון קענגערוס, קראָקאָדילן, קאַקאַנו פויגלען, בייכיקע באַאָבן־בוימער, גראָזן פון מענטשנס הויך, אונטער אַ פייערדיקער זון פון טראָפּישע פלאַנצן״, איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן (איך באַנוץ דאָ ד״ר שטיינערגס ווערטער פון זיין בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע״).

ד״ר שטיינבערג ע״ה האָט אָבער מיט זיין 2־יאָריקע רעזידענץ אין אויסטראַליע, פיל באַרייכערט דעם יידישן ישוב אין מעלבורן און אין סידנעי מיט זיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: געהאַלטן רעפעראַטן, געשריבן ביכער און אַרטיקלען, געהאָלפן שאַפן דעם פאָלקסצענטער אין סידנעי און דעם יידישן הילפס־פאָנד אין מעלבורן און פיל אַנדערע.

דער שעפער פון קימבערלעי־פּראָיעקט וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון די אויסטראַלישע יידן.

אָקטאָבער 22, 1973. נאָך כסדרדיקע רדיפות, און די זיכערקייט פון פאַרשטייענדיקן אַרעסט אויף דער באַשולדיקונג פון פּראָטעסטירן קעגן דער „קידנעפּונג" פון זיין טאָכטער — פאַרלאָזט טעמקין סוף־כל־סוף סאָוויעט־רוסלאַנד. אים איז נישט דערלויבט געוואָרן צו קאָמוניקירן זיך מיט מאַרינאַן פאַרן אָפּפאָרן.

אַפּריל 1974: אויף אַ גאַס אין מאָסקווע, האָט מאַרינאַן באַגעגנט אַ פרוי, אַ פריינד פון די טעמקינס. זי האָט געמאַכט די באַמערקונג „מאַרינאַ פירט זיך אויף ווי אַ דערשראָקענע חיהלע"׳

מאַרינאַ שרייט אויס ווערטער — וועלכע האָבן קיין שום צוזאַמענהאַנג, און אַן אַ פאַרבינדונג צווישן זיי.

אין שול לערנט זי זיך אויף דער מדרגה פון נישט־אַנטוויקלטע קינדער. פונדעסטוועגן גיט די ק.ג.ב. אינסטרוקציעס די לערער, מ׳זאָל איר געבן גוטע מיינונגען, כדי צו פאַרדעקן איר גייסטיקן צושטאַנד.

די אַנדערע קינדער זענען אויפגעבראַכט: „פאַרוואָס קומט איר — וואָס קען גאָרנישט, וואָס וויס גאָרנישט — גוטע מיינונגען?

### די סיטואַציע היינט צו טאָג:

אין משך פון די לעצטע 5 יאָר האָט פּראָפ. טעמקין יעדע פאָר טעג געקלונגען פון ישראל דירעקט אין מאַרינאַס וווינונג, אין מאָסקווע. מאַרינאַ איז שוין 19 יאָר אַלט, דאָך האָט זי קיינמאָל נישט געענטפערט דעם טעלעפאָן. אַלע בריוו וועלכע פּראָפ. טעמקין שרייבט, ווערן צוריקגעשיקט — אַן צושטעלן זיי מאַרינאַן.

מאַרינאַן איז קיינמאָל נישט דערלויבט צו זיין אַליין. איר איז פאַרבאָטן צו טרעפן זיך מיט עמעצן, וועלכער האָט איר געקאָנט, פאַר איר פאַרשלעפּונג.

אין די 5 יאָר האָט זי קיין איין מאָל נישט באַזוכט איר 80־יאָריקער באָבען, מיט וועלכער זי איז נאָענט געווען. כאָטש די באָבע איז קראַנק און ווינט אַ פּאָר מינוט גאַנג פון איר.

„זיי ווילן נישט, אַז עמעצער זאָל זען, וואָס זיי האָבן פון איר געמאַכט", זאָגט פּראָפ. טעמקין.

די מאַכט־אָרגאַנען זאָגן זיך אָפּ צו אינפאָרמירן דעם פּראָפ. טעקמין וועגן מאַרינאַס געזונט־צושטאַנד, און פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז זי וויל שוין מער נישט אַרויספאָרן.

פּראָפ. טעמקין מיינט, אַז ווייל זי איז אין רוסלאַנד, קאָן זי נישט אויסדריקן אירע געפילן".

✶

דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אונטערגעשריבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנווענאַנט וועגן ציווילע און פּאָליטישע רעכט.

דער פּאַראַגראַף 12 לייענט זיך אַזוי:

„יעדער איינער דאַרף זיין פריי צו פאַרלאָזן יעדעס לאַנד, זיין אייגנס אריינגערעכנט".

די רוסן אָבער האָבן אַן אַלטן כלל אַז „פּאַפּיר איז געדולדיק, און קאָן אַלץ פאַרטראָגן".

אדאפטירט פון ענגליש — מ. א.

ש. בענעט

# דער קימבערלעי־פּראָיעקט

אַ יידישער ישוב מיט הונדערטער יידישע לאַנדווירטשאַפטס־פאַרמס, ריזיקע פאַשע־פעלדער מיט סטאַדעס קי און אָקסן, מילך און פּוטער קאָאָפּעראַטיוון, יידישע שולן, בתי־מדרשים, ביבליאָטעקן, אַ פלייש און גאַרבעריי אינדוסטריע — אין מערב־אויסטראַליע, אין דער פּרוכטבאַרער קימבערלעי־געגנט נעבן פּאָרט ווינדהעם; אַ יידישער ישוב, וואָס זאָל זיך אַליין אויסהאַלטן און וואַקסן.

דאָס איז געווען דער קימבערלעי־פּראָיעקט.

אַ חלום? אַ פאַנטאַזיע? ניין!

פאַר דער דאָזיקער אוטאָפּיע האָבן טריידיוניאָנס פון 4 שטאַטן געגעבן זייער הסכמה. פירער פון אויסטראַלישע פּאָליטישע און אינדוסטריעלע קרייזן, אַ גרויסער טייל פון דער אויסטראַלישער פּרעסע און פירער פון אויסטראַלישע קירכערס זענען געווען פאַר דעם פּראָיעקט. וויסנשאַפטסלייט, בישאָפן, דעפּוטאַטן פונעם פּאַרלאַמענט און צום סוף די רעגירונג פון מערב־אויסטראַליע, אויף וועמענס טעריטאָריע עס געפינט זיך די קימבערלעי־געגנט, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אין סטייט־פּאַרלאַמענט, אַז זי איז פאַר אַ יידישער קאָלאָניזאַציע.

דער מענטש וואָס האָט אַזוי פיל דערגרייכט און אויפגערודערט דאָס אויסטראַלישע פאָלק מיט זיין ערנסטער און באַשיידענער פּראָפּאַגאַנדע, איז געווען ד״ר י. נ. שטיינבערג ע״ה; אַ שטילער און האַרציקער מענטש, אַ פרומער ייד און אַ תלמוד־חכם מיט אַ רייכער פּאָליטישער און ליטעראַרישע פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט באמונה שלמה געגלויבט, אַז זיינע אידעען, ד. ה. די „פריילאַנד־ליגע" — די „טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג" — וועט טיילוויז לייזן דאָס פּראָבלעם פון יידישע פּליטים אין אייראָפּע.

עס דאַרף געוואוסט ווערן אין אַכט, אַז ד״ר שטיינבערג איז געקומען קיין אויסטראַליע אין 1939, ערב דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלערס אַרמייען האָבן אָנגעהויבן זייערע מאָרד־אַקטן איבערן יידישן פאָלק.

ד״ר שטיינבערג האָט געוווּסט, אַז מען מוז ראַטעווען יידן כל־זמן ס׳איז דאָ צייט. פאַר דעם צוועק איז ער אָנגעקומען אַלס שליח פון דער „פריילאַנד־ליגע" אין לאָנדאָן, כדי אונטערצוהאַנדלען מיט דער אויסטראַלישער רעגירונג.

די טעריטאָריע פון קימבערלעי, וואָס געפינט זיך אויפן דרומדיקן טייל פון וועסט־אויסטראַליע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פּראָיעקט. די דאָזיקע געגנט איז זייער פּרוכטבאַר און האָט נאַטירלעכע וואַסער־גרובנס, טייכן און טראָפּישע רעגנס. דער ראַיאָן איז צוגעפּאַסט פאַר האָדעווען בהמות, שעפּסן, מאַיז־גערעטעניש. די געגנט געפינט זיך נעבן גרויסע טייכן און האָט אַ פּאָרט אויפן פּאַציפישן אָקעאַן.

ד״ר שטיינעבערג ע״ה האָט די געגנט באַזוכט צוזאַמען

קאָן נישט דערווייזן זיין אייגענע באַשולדיקונג קעגן פּראָפּ. טעמקין, אַז ער איז: „דורך זיין אוממאָראַלישער, אַנטי־סאָציאַלער אויפפירונג אַ שעדלעכער איינפלוס אויף זיין טאָכטער".

נאָכמער: דז״ס געריכט האָט גענומען צו קענטעניש, אַז פּראָפּ. טעמקין איז: „אַן איבערגעגעבענער פאָטער, וועלכער זאָרגט פאַר זיין טאָכטערס באַדערפענישן".

דאָס געריכט ציט זיך צען שעה. מאַרינאַ ווערט דורכן געריכט נישט אָנגעפרעגט. דער ריכטער באַטראַכט דעם אורטייל און קומט צום אויספיר אין פינף מינוט. ביי פּראָפּ. טעמקין ווערט אוועקגענומען דאָס עלטערן־רעכט.

געמשפּט האָט דער זעלבער ריכטער, וועלכער האָט געלאָזט וויסן דעם פּראָפּ. טעמקין, אַ וואָך פאַרן געריכט, אַז אויב ער איז מסכים אַרויסצופאָרן אָן דער טאָכטער, אָדער ער זאָגט זיך בכלל אָפּ פון אַרויספאָרן — דאַן וועט קיין געריכט נישט פאָרקומען.

מיטן יאַנואַר ביז מיטן פעברואַר 1973

מאַרינאַ פאַרשטייט, אַז די לאַגע איז אַ געפערלעכע, זינט דאָס געריכט האָט לעגאַליזירט איר „קידנעפּינג". עס ווערט פאַר איר אַבסאָלוט קלאָר, אַז זי וועט פאַרכאַפּט ווערן פון דער מלוכה, ווייל אַזעלכע פאַלן זענען שוין געשען. נישט געקוקט דערויף, גייט זי נאָך אַלץ אין שול. „איך האָב אַ מונטערן כאַראַקטער, איך קאָן אַלץ פאַרטראָגן", זאָגט זי.

פעברואַר 15, 1973: מאַרינאַ ווערט גערופן אין ביוראָ פון דער שול־פאַרוואַלטערין. די דאָזיקע פרוי דראָט איר, אַז סיידן זי וועט אויפהערן זיך צו באַמיען אַרויסצופאָרן, אַז נישט — וועט מען איר אַריינגיין אין אַ שפּיטאָל פאַר פּסיכיש־קראַנקע.

פעברואַר 19 1973: מאַרינאַ ווערט „געקידנעפּט".

מערץ 31, 1973: מען ווערט געוווּיער, אַז מאַרינאַ געפינט זיך אין אַ „יוגנט־לאַגער", וועלכער הייסט „אָרליאַנאָק" — און דער לאַגער געפינט זיך איבער טויזנט מייל אַוועק פון מאָסקווע. אין דעם לאַגער ווערן אויף ס׳כוח „איבערדערצויגן" קינדער, וועלכע מ׳האָט אַוועקגענומען פון רעליגיעזע עלטערן. זיי זענען אונטערגעוואָרן אַ כסדרדיקער אינדאָקטרינירונג, ראַדיאָ־הילכערס הילכן נאָכאַנאַנד און די קינדער מוזן שעהן־לאַנג מאַרשירן, און זינגען אידעאָלאָגישע לידער. „דאָס איז אַ קאָשמאַר" — זאָגט מאַרינאַ.

ווען מען האָט איר געבראַכט אין לאַגער, האָט זי אָנגעהויבן אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט פיר טעג. די לאַגער־פירער לאָזן איר זיך נישט צולייגן, נאָר צווינגען איר זיך צו באַוועגן, כדי צו ברעכן דעם הונגער־שטרייק. דער אַדמיניסטראַטאָר פון לאַגער טרייסט איר, אַז „אַ ביסל ליידן, קאָן איר גאָרנישט שאַטן".

מען האָט איר צוגעטיילט אַ „דערציער", וועלכער גייט איר כסדר נאָך. צום אונטערשיד פון אַנדערע קינדער, איז איר פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון לאַגער אַליין.

אַ ספּעציעלן דרוק ווערט אויף איר אויסגעאיבט, דורך מעלדן די קינדער פון איר אָפּטיילונג, אַז זייערע אַלע פּריווילעגיעס זענען אָפּהענגיק פון דעם, צי מאַרינאַ וועט יאָ — אָדער נישט ענדערן איר מיינונג וועגן עמיגרירן. די בריוו פון איר פאָטער און אירע פריינד, גיט מען איר נישט איבער. אירע אייגענע בריוו — שיקט מען זעלטן אַרויס.

אַפּריל 4, 1973: דעם פּראָפּ. טעמקין גיט זיך איין אַריינצוגיין אין לאַגער, און צו פאַרבאַהאַלטן אויף זיך אַ „טייפּ־רעקאָרדער", כדי צו פאַרצייכענען זייערע געשפּרעכן. ער זעט מאַרינאַן בלויז עטלעכע מינוטן אַליין.


Vigil for daugh
abducted by Sovie
Jerusalem Post Reporter
TEL AVIV. — Prof. Alexande
Temkin last week held a prote
vigil in front of the Finnish Embass
here, to mark the sixth anniversar
of the abduction of his daughte
Marina, by the Soviet secret police in
oscow.
The Finns have represented Soviet
terests in Israel since Moscow
vered diplomatic relations with
erusalem in 1967.
Marina was 13 years old in 197
when forcibly separated from he
father. Both she and Prof. Temki
d been granted exit permits allow
them to leave for Israel.
or a long period after the separa-
Marina was cut off from
in a youth camp where she
t to severe psychological
was heavily drugged

זי וויינט: „טאַטע, נעם מיך אַוועק פון דעם שרעקלעכן אָרט".

מיטאַמאָל נעמט דער אַלאַרם־גלאָק רופן, פּאָליציי קומט אַריין אין לאַגער און שטערט דעם פאָטער און טאָכטער זיי זאָלן קאָנען בלייבן אַליין.

דער געוויינלעכער טערמין צו בלייבן אין לאַגער, איז אַרום 6 וואָכן. מאַרינאַ אָבער פאַרבלייבט אין לאַנגער 9 חדשים.

עס איז נישט באַוווּסט, ווען די נאַרקאָטיקס זענען געוואָרן אָנגעווענדעט. נישט געקוקט אויפן פּסיכאָלאָגישן און פּסיכישן דרוק אין משך פון 7 חדשים, איז מאַרינאַ נאָך אַלץ געזונט.

ווען די לאַגע אין לאַגער ווערט אומדערטרעגלעך, הויבט מאַרינאַ אָן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי האָט געענדערט אירע מיינונגען. וואַרשיינלעך גלויבט מען איר נישט, און מען ווענדט אָן צו איר מעדיצין.

„איינע פון די מעדיצינען, וועלכע זיי באַנוצן אין אַזעלכע פאַלן — קלערט אויף פּראָפּ. טעמקין — איז זייער ווייטאָגלעך און דערפירט צו דעפּרעסיע. עס איז אוממעגלעך עפּעס צו טראַכטן. די געדאַנקען יאָגן זיך ווי אין אַ טעאַטער. אפילו צוויי יאָר שפּעטער, ליידט נאָך אַלץ דער קרבן פון האַלוצינאַציעס".

זי איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף פסיכאָלאָגישע פּלאָגן, און צום סוף האָט מען איר געמאַכט מוח־צעשטערנדיקע איינשפּריצונגען.

אָנהויבנדיק פון איר 13יאָריקן עלטער, איז זי בכיוונדיק געוואָרן טראַנספאָרמירט פון אַ געזונטער, אינטעליגענטער מיידל מיט אַ שטאַרקן, זעלבסטשטענדיקן כאַראַקטער — צו איינער, וועמענס פּנים איז דעפאָרמירט געוואָרן פון מוסקול־ספּאַזמעס. זי שלעפּט נאָך איר רעכטן פוס, ווי אַ רעזולטאַט פון די מוח־צערודערונגען. איר לערנען איז אויף דער מדרגה פון דעפעקטיווע קינדער.

האָבן מיר פאַר זיך דעם כראָנאָלאָגישן פאַרלויף פון דער טראַגעדיע, אָנהויבנדיק פון מאַי 1972, ווען פּראָפ. אַלעקסאַנדער טעמקין און מאַרינאַ האָבן — יעדע באַזונדער — אָנגעגעבן אַ ביטע, צו קריגן אַן ארויספאָר דערלויבעניש קיין ישראל.

אויגוסט 1972: אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש.

אָקטאָבער 19, 1972: פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ניקסאָן, אַפּעלירט צום סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער אין נאָמען פון די דיסידענטן. ער שטעלט צו אַ רשימה מיט 420 פאַמיליע־נעמען פון די וואָס ווילן פאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד. דער נאָמען פון די טעמקינס געפינט זיך אויף דער רשימה. צוליב אַ ביוראָקראַטישן פאַרזען, האָבן זיי דעם 19טן אָקטאָבער באַקומען די דערלויבעניש ארויסצופאָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע משפּחות.

ביי מאַרינען און איר פאָטער ווערט אַוועקגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט — און זיי ווערן ישראלדיקע בירגער.

אָקטאָבער 23 1972: די ק.ג.ב. כאַפּט זיך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און אינטערווענירט — מ׳רופט ארויס פּראָפ. טעמקין, און מען לאָזט אים וויסן, אַז אויב ער וועט אין משך פון צען טעג נישט פאַרלאָזן ס׳לאַנד אָן מאַרינאַן, ווערט זיין אַרויספאָר־וויזע אַנולירט, און אים וועט מען איינזעצן.

ער זאָגט זיך אָפּ ארויסצופאָרן: „זיי ווילן אונדז פאַרנאַנדערטיילן, כדי אָנצושרעקן אַנדערע יידן, וואָס ווענדן זיך נאָך ארויספאָר־דערלויבענישן. זייער טאַקטיק איז צו אַנטמוטיקן עמיגראַציע דורך איינהאַלטן קינדער, ווי ערובניקעס". (די קינדער — באַמערקט פּראָפ. טעמקין — זענען דער „אַרויספאָר שטייער").

נאָוועמבער 13, 1972: מאַרינאַ זאָגט זיך אָפּ צו זיין מיט איר מוטער, ווייל זי איז אויפגעבראַכט אויף איר, פאַר קאָאָפּערירן מיט דער ק.ג.ב.

שפּאַצירנדיק אין גאַס, ווערט זי און איר פאָטער אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי, און מ׳וואַרפט זיי אריין אין אַ פּאָליציאישן אויטאָ. אין פּאָליציי־ביוראָ ווערן זיי געפּאָרשט במשך פון 7 שעה — אָן עסן אָדער וואַסער.

מאַרינאַ ווערט געפּאָרשט באַזונדער. מען וויל דערגיין, פאַרוואָס זי וויל פאָרן קיין ישראל. מען פרעגט איר מיט אַ כיוון פּראָוואָצירנדיקע פראַגן, אַדאַנק וועלכע די פּאָליציי האָפט — אַז מאַרינאַ וועט מאַכן אַנטי־סאָוויעטישע דערקלערונגען.

מאַרינאַ האָט אָבער אויף אַלע פראַגן געענטפערט דאָס



מאַרינאַ טעמקין

אייגענע: „איר זענט רוסן, און איר ווילט לעבן אין רוסישן היימלאַנד — איך בין אַ יידישע, און איך וויל לעבן אין יידישן היימלאַנד".

דעצעמבער 1972: דריי אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן איין אָוונט באַזוכט מאַרינען, ווען איר פאָטער איז נישט געווען אינדערהיים. זיי האָבן איר געפּאָרשט ביז נאָך האַלבע נאַכט, און נישט דערלאָזט זי זאָל שלאָפן.

מאַרינאַס מאַמע איז מסכים געווען אָנצושלאָגן דער טאָכטער נאָך דעם ווי איינער פון די פאָרשטייער האָט איר געזאָגט, אַז מען דאַרף איר גוט צעקלאַפּן די ביינער דערפאַר, ווייל זי וויל פאָרן קיין ישראל. „אַלע יידן, וואָס פאָרן קיין ישראל, זענען גלייך ווי היטלער", האָבן זיי צו איר געשריען.

צומאָרגנס איז מאַרינאַ געווען קראַנק און נישט געקאָנט גיין אין שול.

דעצעמבער 27, 1972: אַ נישט־געלונגענער פּרווו, צו פאַרכאַפּן מאַרינאַן פון שול.

ווען זי איז געזעסן אין קלאַס, איז אריינגעקומען אַ לערער און געהייסן איר אַרויסגיין, ווייל צוויי מענטשן וואַרטן אויף איר און זי דאַרף מיט זיי רעדן. אַ מאַן פון ק.ג.ב. און אַ פרוי פּרווון ווירקן אויף איר, זי זאָל גיין מיט זיי.

זי גייט כלומרשט נעמען איר מאַנטל — און פאַרשווינדט.

יאַנואַר 17, 1973: נאָך אַ גאַנצער ריי געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען — קומט פאַר דער ענדגילטיקער פּראָצעס. זיין אויפגאַבע איז: אָפּצוטיילן מאַרינאַן פון איר פאָטער, דורך אָפּנעמען ביי אים יורידיש יעדע לעגאַלע רעכט — אָפּצוהיטן זיין טאָכטער. דער „קענגארו־געריכט*

* קענגארו־געריכט — טיפּישע אויסטראַלישע באַצייכענונג פאַר אַ לינטש־משפּט.

למעשה, אויסגעוויילט צו דער מאַכט און וואָס איז פונקט אַזוי גלייכגילטיק צום גורל פון פשוטן מענטש ווי ס׳איז געווען דער צאַר און זיין רעגירונג, אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. אָבער ס׳איז פאָרט אַ גרויסער חילוק — די מאַכט פון צאַר און זיינע נאָבללייט האָט זיך באַזירט אויף זייער געבורט, זייער יחוס, די מאַכט פון אונדזערע רעגירונגען איז באַזירט אויף געלט, קאָנטראָל פון מלוכה־אוצר, פון שטייערן און הלוואות וואָס מען מאַכט אין אויסלאַנד.

טאָלסטאָי האָט אין זיין עסיי געשריבן וועגן די גרוילן פון דער מאַכט, גרוילן וואָס זענען פאַקטיש אומבאַקאַנט אין אויסטראַליע, הגם דאָ זענען פאַראַן מענטשן מיט אַ הכנסה וואָס איז נאָענט צום אָרעמקייט־מצב. אונדזערע גרוילן זענען היינט:

אַרבעטסלאָזיקייט, דער עיקר צווישן דער יוגנט, דאָס ווייטאָגדיקע, דעגראַדירנדיקע שטרעבן צו אומאָפּהענגיקייט און בכבודיקייט. און דאָס זייט ביי זייט מיט אַ סך, יענע וואָס אַרבעטן און האָבן אַ גוט לעבן, אַלע אַרבעטער וויסן וועגן „די שריפט אויף דער וואַנט״. פאַר אַ סך צווישן זיי, וואָס איצט איז זיי גוט. אפילו אַרבעטער פון „טעלעקאָם״, אַ מלוכהשע אינדוסטרי זענען פונקט אַזוי באַזאָרגט וועגן דעם וואָס די קאָמפּיוטערס און אויטאָמאַטיזאַציע זענען עלול צו טאָן צו זייערע אַרבעטפּאָסטנס, ווי יענע וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער פּריוואַטער אינדוסטרי.

נישטאָ קיין שום מאָראַל, קיין שום רחמנות אין האַנדל. דערפאַר דאַרפן מיר, פונקט ווי אין טאָלסטאָיס צייטן, אַן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. דאָס קען נישט זיין, נישט די קאַפּיטאַליסטישע, נישט די סאָציאַליסטישע, זיי ביידע האָבן אַנטוישט דער מענטשהייט.

עס איז אַ האַרצווייטאָג פעסטצושטעלן, אַז דער טריומף פון דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן נישט באַוויזן צו געפינען אַ לייזונג צו פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער אויפפירונג, דער געזעלטשאַפטלעכער אָרדענונג.

איבערזעצט פון ענגליש: **מ. אלעקסאנדער**

# סאָוויעט־רוסלאַנד ווערסוס מאַרינאַ טעמקין

## (אַ סאָוויעטישע אַנאַ פראַנק?)

ווען מאַרינאַ איז אַלט געווען 12 יאָר, האָט זי געלייענט דעם „טאָג־בוך פון אַנאַ פראַנק״, און זי האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן יידישן מיידל פון האָלאַנד, וואָס איז געווען פאַרפאָלגט פון די נאַציס.

מאַרינאַ האָט זיך געפילט איזאָלירט פון דעם אַרום, דורך דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן די מאַכט האָט געשטיצט. זי האָט אויך געפילט, אַז ס׳איז פאַר איר נישטאָ קיין צוקונפט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו זי, אַלס יידישקע — וועט נישט האָבן קיין צוטריט צו אַ צאָל פאַקולטעטן אויפן אוניווערסיטעט, און ס׳וועט אויך זיין שווער פאַר איר צו קריגן אַן אַנטשפּרעכנדע אַרבעט.

מאַרינאַ איז געווען זייער באַגאַבט. איר פאָטער, פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער טעמקין האָט איר געגעבן צוגאָבלעקציעס אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און פראַנצויזיש, ווייל די שול־אַרבעט האָט זי לייכט און שנעל אַבסאָרבירט.

זי האָט אויך געלערנט אַביסל העברעיש, צוזאַמען מיט יידיש, און דאָס איז פאַרבאָטן אין רוסלאַנד. דעריבער האָט זי זיך געהיט נישט צו מאַכן די העברעישע לעקציעס — ווען איר מוטער איז אינדערהיים.

מאַרינאַס מוטער איז אַ רוסישע, דערצויגן אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט (און מאָראַל) האָט זי באַלד געמאָלדן אין אינסטיטוט, ווו פּראָפ. טעמקין אַרבעט, אַז ער האָט פאַר איר אויסגעדריקט זיין ווונטש — זיי זאָלן פאָרן קיין ישראל, אין איינקלאַנג מיט איר סאָוויעטישער דערפאַרונג (וואָס איז דער פאָטער פון שרעק) האָט זי אויך באַלד אָנגעגעבן אויף אַ גט, און איר טאָכטער מאַרינאַ איז קעגן איר ווילן אריבער אונטער דער אויפזיכט פון איר מוטער „צוליב איר שטרעבן צו פאָרן קיין ישראל״.

די זשורנאַליסטין אויגוסטינע זיכער, וואָס האָט אַמאָל געווינט אין מעלבורן, און איז היינט אין ירושלים, ווו זי אַרבעט מיט אין אָנגעזעענע צייטונגען, האָט צונויפגעזאַמלט דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן מאַרינאַ טעמקין — דאָס יידישע מיידל, קעגן וועלכער די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע פירט אַ ברוטאַלע מלחמה.

דער מאַטעריאַל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אויסטראַליע־ישראל רעוויו״ פון 15טן נאָוועמבער 1978. מיר ברענגען דאָ דאָס אַלגעמיינע בילד:

„דעם ערשטן מאַי 1978 איז אויסגעפאַלן מאַרינאַ טעמקינס 19טער געבוירן־טאָג. עס איז אויך געוואָרן 5 יאָר, זינט די ק.ג.ב. האָט זיך אריינגעריסן אין איר באָבעס וווינונג אין מאָסקווע. מאַרינאַ איז געזעסן אויף דער סאָפע, ווען מען האָט אויפגעבראָכן די טיר, און פיר מענטשן האָבן זיך אריינגעריסן אין צימער. אַן אוניפאָרמירטער קאַפּיטאַן פון מיליציע, און דריי אַגענטן אין ציווילע קליידער. איינער האָט געהאַלטן וואַך אויף די טרעפּ. צוויי שוואַרצע אויטאָס זענען געשטאַנען אין דריסן. דער מיליציאָנער האָט מיט כוח פאַרדרייט די האַנט אויף הינטן פון פּראָפ. טעמקין. די אַנדערע דריי האָבן צעשלאָגן מאַרינאַן, פאַרדרייט אירע הענט אויפן רוקן, און מיט געוואַלד זי אַרויסגעשלעפּט פון דער וווינונג. זי האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען: „העלפט מיר, העלפט מיר״. פּראָפ. טעמקין דערמאָנט זיך „דעם אויסדרוק פון הנאה אויפן פנים פון איינעם פון די מענער״ ווען ער האָט דאָס 13־יאָריקע מיידל אַראָפּגעשלײדערט פון די טרעפּ, און אריינגעוואָרפן אין אויטאָ. מאַרינאַ טעמקין איז געוואָרן פאַרשלעפּט פון דער ק.ג.ב. און אָפּגעטיילט פון איר פאָטער.

טער ראַפּקי). ער האָט זיך געוואָנדן צו זיין פּאַרזיצער, אַז ער זאָל צוריקציען זיין דערקלערונג, אַנדערש וועט ער רעזיגנירן אַלס סעקרעטאַר. אָבער ה. באָאַס איז געבליבן ביי זיינס און ראַפּקע האָט רעזיגנירט.

★

מיר האָבן קוים געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם צוליבן פּאָגראָם אין פּשיטיק, איז אונטערגעקומען אַ נייער אומגליק. דער נאַצישער רעזשים אין דייטשלאַנד האָט אין איין נאַכט, אין 1938 אַריבערגעוואָרפן אַלע פּוילישע בירגער, ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דייטשלאַנד איבער דער דייטש־פּוילישער גרענעץ, ביים שטעטל זבאָנשין. היינט ביים שרייבן די דאָזיקע שורות, כאָטש ס'איז שוין אריבער 40 יאָר, כאַפּט אונדז אָרום אַ ציטער, אַ גרויל, איבער דער גרויזאַמקייט פון דאָזיקן אַקט.

מיר האָבן דערפילט, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן, אָבער תיכף.

מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצוברענגען 20 קינדער יינגלעך, אין עלטער פון 14 ביז 18 יאָר און זיי דאָ איינאָרדנען און דערציען. אַ ווענדונג איז אַוועק צו דער קהילה אין וואַרשע, וועלכע זאָל פאַר אונדז ווערבירן די געהעריקע קינדער.

די אויסטראַלישע רעגירונג האָט אונדז געגעבן די דערלויבעניש דעם פּלאַן דורכצופירן. 20 פריינד האָבן וואָלונטירט צו ווערן די פּאַטראָנען. יעדעס יינגל דאַרף האָבן זיין פּאַטראָן. די רייזע־הוצאות זענען געדעקט געוואָרן פון די געלטער, וואָס די דייטשן ייִדן האָבן נאָך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען און זיי דעפּאָנירן אין ענגלאַנד.

דער פּלאַן איז אדורך בשלום. יעדעס יינגל איז איינקוואַרטירט געוואָרן אין אַ פּריוואַט הויז, וו ער זאָל זיך פילן היימיש ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער גאַנצער פאַמיליע. פאַר אויסהאַלטן האָט געצאָלט יעדער פּאַטראָן פאַר די באַדערפעענישן פון זיין יינגל.

די פּאַטראָנען זענען געווען: אַרטור ראָז, וואָס איז פאַקטיש געווען דער מאָטאָר פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, י. פושעט, לעאָ פינק, סיד פינק, וואָלף פינק, דזשעק פינק, משה הילער, משה פּלאָטקין, פרעד יאָפע, ראובן ראָטבערג, מאַהעמאָוו, יענקל ראָקמאַן, האזי, ריזמאַן, פּ. לאַסיקאַ. די איבעריקע נעמען פון די פּאַטראָנען געדענק איך נישט.

מ'האָט זיי געגעבן די פולע וואַרעמקייט, וואָס עלטערן קענען געבן זייערע אייגענע קינדער.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן אַלע, מיטן אויסנאַם פון אייניקע, וואָס זענען געווען נישט געזונט, וואָלונטירט אין דער אַרמיי, כאָטש לויט זייערע יאָרן זענען זיי נאָך געווען צו יונג. זיי האָבן זיך געמאַכט פאַר פיל עלטער. נישט אַלע זענען צוריקגעקומען. זיי זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פאַרן כבוד פון זייער פאָלק.

מאַרק אָליפאַנט

# דער תהום צווישן די רעגירער און די רעגירטע

קורץ פאַר זיין טויט, אין 1910, האָט טאָלסטאָי געשריבן אַן עסיי, אָדער אַ סעריע עסייען אין וועלכע ער האָט אַרומגערעדט די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זיין צייט אין רוסלאַנד. איין זאַץ אין זיין עסיי האָט זיך אַזוי געלייענט:

— „פונקט ווי אין אַ חלום בעת מיר פּרוּוון זיך ראַטעווען פון אַ גרויל וואָס געשעט צו אונדז, אָדער נאָך מער ווי פון עפּעס גרויליקס וואָס מיר אַליין טוען זיך אָן, מוזן מיר, דעמאָלט קומען צום באַוווּסטזיין, אַז דאָס חלומען מיר נאָר, און מיר מוזן זיך אויפוועקן: אַזוי אויך אין לעבן, כדי זיך צו ראַטעווען פונעם גרויל אין וועלכן מיר לעבן און אין וועלכן מיר אַליין באַטייליקן זיך מוזן מיר קומען צום באַוווּסטזיין און אַרויסרופן מאָראַלישע געפילן. דאָס געפיל פון מאָראַל און מאָראַלישן אָנשטרענג וואָס איז נאַטירלעך צום בעלשכלדיקן מענטש".

טאָלסטאָי איז געווען אַ קריסט און נישט קיין באָלשעוויק. אָבער ער האָט קלאָר געזען, פונקט ווי מיר זען עס היינט. אַז עפּעס טויג נישט, באַלד אין יסוד, אין דעם אופן ווי דער מענטש ווערט היינט רעגירט און דעם גרויסן אָפּגרונט צווישן דעם וואָס איז גוט און אָרנטלעך און דאָס וואָס עס געשעט צו יעדן איינעם פון אונדז.

עס איז אַ טיפער חילוק צווישן דעם וואָס מיר פילן בחוש, אַז עס איז גוט און פיין און דאָס וואָס עס נייטן אונדז צו טאָן יענע וואָס רעגירן מיט אונדז, צי דאָס זענען די „ליבעראַלן" אָדער די „לייבאָריסטן".

אין טאָלסטאָיס צייטן איז דער אונטערשיד געווען צווישן דעם אימפּעראַטאָר און זיין רעגירונג און דעם פאַראָרעמטן פאָלק, וועמען דאָס שווערע לעבן האָט געפירט צו דער רוסישער רעוואָלוציע און דאָס פאַרבייטן דעם צאַר און זיינע מיניסטאָרן מיט דער טיראַניי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ס'איז טאַקע טשעקאַווע, נאָך 150 יאָר, אָדער מער, האָבן די אויסטראַליער נישט קיין מעגלעכקייט צו באַשטימען זייער אייגענעם אופן פון לעבן, ווי דאָס האָט נישט געקאָנט טאָן די מערהייט פון רוסישן פאָלק אין טאָלסטאָיס צייטן. דאָס האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיטן פאַקט וועלכע פּאַרטיי ס'איז ביי דער מאַכט, צי דאָס איז וויהיטלעם אָדער פרייזער וואָס פירט אָן מיט דער רעגירונג.

דאָס אויסטראַלישע פאָלק איז היינט אימפּאָטענט. הגם צוליב אַנדערע סיבות ווי די וואָס זענען געווען אין טאָלסטאָיס צייטן. דעמאָלט איז די מאַכט, פאַקטיש געווען אַן אומבאַגרענעצטע. היינט האָבן מיר דאָ אַ רעגירונג וואָס איז פונקט אַזוי אומבאַגרענעצט, הגם זי ווערט.

גרעסטער מערהייט אַן ערך 70 פּראָצענט אַ דאָרפישע. אָבער אַלע שטייערן ווערן הויפּטזעכלעך איינקאַסירט פון די שטעט, וועלכע זענען באַזעצט דורך יידן. שמאַכטן טאָקע די יידישע קליינהענדלער און האַנטווערקער אונטער דער לאַסט פון דער אַנטיסעמיטישער פּראַקטיק פון די מלוכהשע שטייער־אַמטן. זייער האָב־און־גוטס ווערט מיטן כוח פון עקזעקוציעס צוגענומען, רואינירנדיק גאַנצע פאַמיליעס. אין דער זעלבער צייט געניסן זיי כמעט נישט פון קיין שום קרעדיט מצד דער מלוכה. לעצטנס איז צוגעקומען א נייע גזירה, דער צעכן־געזעץ, וואָס דראָט אונטערצוברענגען די גאַנצע יידישע האַנטווערקעריי בכלל.

אין דען אַ וווּנדער, אַז אַזאַ לאַגע האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניק־שטימונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן און מען וויל אַנטלויפן, ווו די אויגן וועלן טראָגן. געוויס איז דאָס נישט קיין לייזונג. אַן אויסוועג צו דער פאַרצווייפלטער לאַגע קען נאָר זיין מיט דער ענדערונג פון פּאָליטישן רעזשים אין פוילן. אָבער עמיגראַציע האָט שטענדיק געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. היינט אָבער איז די גאַנצע וועלט פאַרהאַמערט אויף זיבן שלעסער און לאָזט קיינעם צו זיך נישט אַריין. ווערגט מען זיך טאַקע דאָרטן מיטן דלות און עס פאַרפעלט שוין באַלד כוח צו אָטעמען...

עס קענען דעריבער קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, אַז ס׳איז נויטיק אַ גרויסע און אַ באַלדיקע הילף פאַר דער יידישער מאַסע אין פוילן. פירנדיק די דאָזיקע אַקציע: „הילף פאַר די פּוילישע יידן", איז אויך נויטיק קלאָר צו מאַכן אויף וועמעס „אַדרעס„ די דאָזיקע געלטער ווערן געשיקט, ווייל פון דערפאַרונג איז באַוווּסט, אַז די שענסטע אידעע קען פאַרוואַנדלט ווערן אין א סקאַנדאַל, אויב זי ווערט אויסגעפירט דורך שלעכטע מענטשן. וועגן דעם אָרגיקן קאָמיטעט איז נאָך פריצייטיק צו רעדן, ווייל גלויבנדיק זייערע ווערטער, זענען דאָס מענטשן ערנסטע, וואָס פאַרדינען צוטרוי. וועלן מיר האָפן, אַז אויך אין דער הינזיכט, וועלן זיי אונדז נישט פאַרפירן".

אויב דאָס איז געווען ווייניק איז צוגעקומען דער פיזישער טעראָר, מיט שפּאַלטן יידישע קעפּ. אויב דער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי, קען זאָגן אין זיין סיים (פאַרלאַמענט) עקספּאָזע וועגן דער יידן־פראַגע: „עקאָנאָמישער באָיקאָט לגבי יידן, ביטע זייער, (אָושעם), אָבער שלאָגן נישט", פאַרשטייט דאָס דער פּראָסטער, נישט אַנטוויקלטער, אָפּגעשטאַנענער פּויער, אַז עקאָנאָמישער דרוק קען זיך נישט באַגיין אָן אַ האַק איבערן קאָפּ, אָדער לאָזן מיטן פייער יידיש האָב־און־גוטס. נישט ווייניק שנאה האָט ארויסגעוויזן די פּוילישע „גאָלדענע יוגנט", די סטודענטן פון די אוניווערסיטעטן, די מעשה פּשיטיק און מינסק־מאַזאָוויעצק, האָט דערגרייכט דעם העכסטן קולמינאַציע־פּונקט, וואָס קישעניעוו מעג זיך באַהאַלטן אַנטקעגן אים.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אויפגעטרייסלט דעם היגן ישוב. אַלע האָבן דערפילט, אַז באַלד דאַרף עפּעס געטאָן ווערן. עס איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס, כדי צו רעאָרגאַניזירן און אויסברייטערן דעם שוין עקזיסטירנדיקן יידיש־פּוילישן הילפס־פאָנד. אַלע אָנוועזנדע האָבן זיך דערקלערט אַלס מיטגלידער פון דעם נייעם קאָמיטעט. ס׳איז אויסגעווילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו אין וועלכן עס זענען אריין: אַרטור ראָז; מלך ראַוויטש, משה הילער, מאיר סילמאַן, מרס. פרידמאַן, פּ. לאַסיקאַ און סענדער בורשטין.

ס׳איז ארויס אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער לאָזונג: „גיט די לעבעדיקע ברויט" מיט די אונטערשריפטן פון אַלע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו.

אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט נאָכגעפאָלגט דעם אויפרוף. מיט אַנטשפּרעכדיקע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: הרב דענגלאו פון דער סט. קילדא שול; הרב גורעוויטש פון דער קאַרלטאָנער שול; ד"ר א. פּאַטקין, אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער און געוועזענער פּרעזידענט פון קדימה; און סענדער בורשטין.

סיי דער אויפרוף, סיי די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג האָבן געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק און גרויסע באַשטייערונגען זענען אריינגעפלאָסן. דאָס געלט איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צום „דזשאָינט" אין וואַרשע און דאָרטן, לויט זייער איינזען איז דאָס געלט פאַרטיילט געוואָרן צווישן די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אַממערסטן גענויטיקט.

ווי איראָניש דאָס זאָל נישט קלינגען, אָפּגערופן האָבן זיך אויף אונדזער אַפּיל הויפּטזעכלעך אונדזערע היימישע פּוילישע יידן. דאַקעגן די אַנגליזירטע לאַנג־איינגעזעסענע, גוט סיטואירטע, זענען געבליבן גלייכגילטיק, ווייניקער פאַרפליכטעט. אויף אַלגעמיינע, ספּעציעל אויסטראַלישע צוועקן אָבער באַשטייערן זיך די דאָזיקע געלט־מאַגנאַטן מיט אַ ברייטער האַנט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן אַ פּיינלעכן מאָמענט. אין אָט דער צייט, וועגן וועלכער מיר דערציילן, איז די אימיגראַציע־פּאָליטיק פון דער אויסטראַלישער רעגירונג אַביסל מילדער געוואָרן. ווי איך האָב שוין ביי פריערדיקע געלעגנהייטן דערמאָנט, איז די אימיגראַציע, צוליבן גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס און גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט פון 1928, געווען פולשטענדיק געשלאָסן. בלויז נאָענטע משפחה, פרוי צו אַ מאַן, האָט מען געגעבן פּערמיטן.

האָט מען גענומען אויסנוצן די דאָזיקע נייע ווענדונג פון דער פעדעראַלער רעגירונג, כדי צו באַקומען אַריינפאָר־דערלויבענישן פאַר קרובים.

האָט נישט קיין אַנדערער, ווי דער פאָרזיצער פון דעם „אַדווייזערי באָאַרד" (דער אַמאָליקער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס") ה. באָאַס, אָפּגעדרוקט אין דער טעגלעכער ענגלישער פּרעסע אין נאָמען פון לאָקאַלן יידנטום, אַז ער איז קעגן דער יידישער אימיגראַציע. די סיבה — דאָס קען ברענגען שאָדן די היגע יידן, דאָס וועט ברענגען צו אַנטיסעמיטיזם. מ׳וועט זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן צו פיל יידן.

דער סעקרעטאַר פון „אַדווייזערי באָאַרד" איז געווען דער יונגער אַדוואָקאַט ראַפּקי (דער שפּעטערדיקער ריכ־

סענדער בורשטין

# אונדזער הילף דעם פוילישן יידנטום

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

פוילן איז ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען איבער הונדערט יאָר צעטיילט דורך אירע שכנים: רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך. פּאָלאַקן האָבן געפירט אַ כסדרדיקן פאַרביטערטן קאַמף דורך אויפשטאַנדן קעגן די אָקופּאַנטן, פאַר אַ פריי און זעלבסטשטענדיק פוילן. די פרייהייטס־קעמפער האָבן צוגעזאָגט, אַז ביים צוריק באַקומען זייער אומאָפּהענגיקייט, וועלן זיי געבן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די יידן אַריינגערעכנט פולע גלייכבאַרעכטיקונג: פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע.

אָבער גלייך ביים ווידערגעבורט פון אַ זעלבסטשטענדיק פוילן, אין יאָר 1918, האָט מען וועגן די אַלע צוזאַגן „פאַרגעסן". דער ערשטער קרבן זענען געווען יידן. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן נייע גזירות און געזעצן קעגן יידן.

די לאַגע פון יידישן ישוב האָט זיך פילפאַכיק פאַרערגערט מיטן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. מגפות, אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן ווייסן נישט פון קינסטלעך־אויפגעשטעלטע געאָגראַפישע גרענעצן. פוילן איז געווען די ערשטע אָפּנעמערין פון דער „טייערער" סחורה. האָט היטלער איינגעפירט קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר פּאָליטישע קעגנער, האָט אויך פוילן איינגעפירט „קאַרטוז־בערעזע".

די פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן דיביידע לענדער זענען שטאַרק געוואקסן. מען איז געפאָרן צו גאַסט איינער צום צווייטן. דער פוילישער אויסערן־מיניסטער, פּולקאָווניק בעק איז זיך געפאָרן צו גאַסט קיין דייטשלאַנד. און פאַרן גענעראַל גערינג האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אויפנאַמע אין פוילן. אַ קיצור, די ליבשאַפט האָט געבליט.

לאָמיר אויפמישן אַ בלעטל פון אונדזער זכרון און זיך דערמאָנען די צייטן אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, ווי ס'האָט אויסגעזען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן. אָט ליגט פאַר אונדז אַן אויסשניט פון אַ גרעסערער נאָטיץ, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אין די „יידישע נייעס" דאַטירט דעם 6־טן יוני 1935:

## די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פוילישע יידן

„עס דערגייען צו אונדז אַלאַרמירנדיקע ידיעות, סיי דורך דער אויסלענדישער פּרעסע, סיי פון פּריוואַטע בריוו, וועגן דער קאַטאַסטראָפאַלער, ממש האָפנונגסלאָזער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פוילן. ידיעות, וועלכע טרייסלען אויף און דערשיטערן יעדן איינעם, צי ער האָט יאָ, אָדער נישט פאַמיליע אין דער אַלטער היים. אָבער ווילנדיק העלפן מיט וואָס נישט איז דעם פאַרצווייפלטן יידישן ישוב אין פוילן, איז נויטיק זיך צו באַקענען מיט איניקע זאַכן וואָס וועלן קלאָר מאַכן די לאַגע.

געוויס לעקט קיינער נישט קיין האָניק. די גאַנצע א"ג „ציוויליזירטע" וועלט לעבט דורך אַ שרעקלעכן, עקאָנאָמישן קריזיס מיט אירע דרייסיק מיליאָן אַרבעטסלאָזע. ביי די היינטיקע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אומשטענדן איז אוממעגלעך צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע, אָבער יעדע רעגירונג באַמיט זיך, צו לינדערן די נויט פון די הונגעריקע דורך פאַרשידענע אַרבעטסלאָזע אונטערשטיצונגען, עפנטלעכע אַרבעטן אדג"ל. אַנדערש איז אָבער די באַציאונג פון די פוילישע מאַכטהאָבער צו זייערע יידישע בירגער.

די פוילישע רעגירונג, ווי בכלל די אַלע ביז־איצטיקע פוילישע רעגירונגען האַלטן פון פּרינציפּ „נאַציע־באַלעבאָס". אויב אַזוי, זענען די יידן, ווי בכלל אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פוילן, בירגער פון דער צווייטער מדרגה. די באַציאונג קומט צום אויסדרוק סיי אויפןווירטשאַפטלעכן, סיי אויפן קולטורעלן געביט.

די היינטיקע פוילישע רעגירונג, און ספּעציעל אירע באַטשאַפטן, האַלטן אין איין רעקלאַמירן די יידן־פריינדשאַפט. אז זי איז נישט חו"ש קיין אַנטיסעמיטישע, פאַרקערט, זי טוט דאָס בעסטע, וואָס איז נאָר מעגלעך. באַקענט מען זיך אָבער מיט דער פאַקטישער לאַגע נענטער, קריכט די אָל ארויס פון זאַק.

עס איז באַוווּסט, אַז לעצטנס וואַקסט אומאויפהערלעך די אַריינמישונג פון דער מלוכה אין פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע צווייגן, אָדער שטעלט זיי אונטער איר דירעקטער קאָנטראָל, עווענטועל דורך אַ באַשטימטער פינאַנס־ און קרעדיט־פּאָליטיק צו קערעווען מיט געוויסע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. אַזוי ארום זעט מען ווי וויט אַנטיסעמיטיש, יידן פיינטלעך די דאָזיקע פּאָליטיק איז.

דער גרעסטער אַרבעטסגעבער ביים היינטיקן טאָג אין פוילן איז די מלוכה. זי האַלט אויס צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און באַאַמטע, אָבער זעט מען צווישן זיי אויך אַ יידישן אַרבעטער אָדער באַאַמטן? מיר רעדן שוין נישט וועגן פּראָצענט, וואָס קומט אויס לויט דער צאָל יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. אַלע באַנען און מלוכה־אַדמיניסטראַציעס זענען יידן־ריין. פאַרקערט, די וועלכע האָבן פון לאַנג יאָ געהאַט באַשעפטיקונג, ווערן אויך באַזייטיקט. צ. ב. אין גאַליציע זענען געווען איניקע הונדערט יידישע באַן־אַרבעטער. היינט וועט איר פון זיי קיין זכר נישט געפינען. אין וואַרשע, גראָדנע און ווילנע זענען אַמאָל געווען גרויסע טאַבאַק־פאַבריקן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט טויזנטער יידישע אַרבעטער. מיטן איינפירן דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל האָט מען איינציקווייז אָבער ריקזיכטלאָז, אַלע יידישע אַרבעטער באַזייטיקט.

די פוילישע באַפעלקערונג אַלס אַ גאַנצע, איז אין איר

פאַלשע וועגן, און איצט האָבן די פאַלשע וועגן דערפירט אַזש גאָר ביז שבתי צבי. אַ פייער האָט אָנגעצונדן גאָריי, די וועלט איז געוואָרן הפקר, און דער שטן האָט באַקומען די שליטה.

די דערציילונג פאַרמאָגט אַ צאָל קאָנטיקע און קלאָרגעמאָלענע געשטאַלטן, וואָס זענען זעלבסטשטענדיק און דאָך דערגאַנצן זיי זיך. איטשע־מאַטעס איז דער פּרוש, דער אַסקעט; ער איז גובר אַלע יצר הרעס. ער טוט זיך אויס פון דער וועלט און דער פייער פון קדושה ברענט אויס אין אים די טומאה, אַפילו ווען ער גייט צו דער קדושה, ווי די אַנדערע, דורך טומאה. ר׳ גדליה, דער שוחט איז דער עולם־הזהניק. דער וועג צו דער גאולה — איז ביי אים דער גרעסטער נצחון פון דעם גוף... ר׳ מרדכי דער כעסן, איז דער שונא פון דעם למדן, ער איז פּרימיטיוו־ערלעכער מענטש, וואָס אים געהערט נישט די ממשלה פון שכל און נישט די דעגענעריט־ראַפינירטע עולם־הזהדיקייט פון אַ ר׳ גדליה. ער איז דער מאַסאָווער מענטש, דער געזונטער מענטש אין אַ קראַנקער וועלט, און דאָך דער שטומער מענטש — ביי באַשעוויסן דער געליימטער מענטש — וואָס לויפט צו דער גאולה, אין זיין שטומער און שטאַרקער בענקשאַפט, מיט די קרומע און געליימטע פיס. אויסטערליש און דאָך בולט איז די געשטאַלט רעכעלע, אָט־דער דינער און פיינפילנדיקער אינסטרומעט, אויף וועלכן עס שפּילן אויס זייער משוגענע מוזיק אַלע אַנדערע, דערהויפּט ר׳ גדליה. די סטרונעס פּלאַצן, די מוזיק הייבט אָן צו סקריפּען, און דער פיינער אינסטרומענט, ווערט סוף־כל־סוף צעבראָכן. מיין איינדרוק איז, אַז ר׳ בינוש איז די טיפסטע און ווערטפולסטע געשטאַלט אין בוך. ר׳ בינוש איז דער רעליגיעז־עטישער מענטש, דער צדיק, דער גרויסער מענטשן־קענער, דער גייער אויפן גלייכן וועג, ווייל ער איז דער ליכטיקסטער מענטש אין אַן אומקלאָרער און צערפולער וועלט. ער איז דער גרויסער מאמין, וואָס וואַגט צו צווייפלען, ווייל דאָס איז ביי אים נישט נעגאַציע, נאָר מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע ערלעכקייט, ווייל ער ווייס דעם אונטערשיד צווישן דענקען און פאַרלייקענען. און ווייל ער איז אַ מענטשן־קענער און אַ צדיק, ווייס ער אויך, אַז מיטלען און צילן מוזן האַרמאָנירן צווישן זיך, אַז דער וועג צו קדושה מוז זיין בהדרגהדיק. ער ווערט זיך אַנטקעגן דער סכנה, ער וויל באַשיצן די איינגעפונדעוועטע סאָציאַל־מאָראַלישע יסודות און דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־סדר אַנטקעגן דער אָנקומענדיקער הפקרות אין נאָמען פון גאולה. יאָ, ער איז די טיפסטע, די טראַגישסטע און די יידישסטע געשטאַלט, הגם ער דערשיינט בלויז אין דער ערשטער העלפט פון דער דערציילונג.

אין דער צווייטער העלפט איז שוין ר׳ בינוש נישטאָ. די טומאה ברעכט דורך אַלע דאַמבעס און פאַרפלייצט דאָס שטעטל. ווי אַלע גראַנדיעזע איבערקערענישן דאַרף דאָ דער שטורעמדיקער פּראָצעס זיין דערהויפּט אַ היסטאָרישער, דאָס הייסט, אַן איבערגאַנג — אַ שאַרפער און פּלוצימדיקער — פון איין עפּאָכע צו אַן אַנדערער. ער איז אין דער ווירקלעכקייט אָבער בלויז שטורעמדיק. ער פירט נישט צו קיין העכערער מאָראַל. און עס באַקומט זיך באמת אַ פינצטער בילד, אַ שפּיל פאַרן טייוול. ס׳איז דער יום־טוב פון דער טומאה, דאָס הייזעריקע קוויטשען פון דער זינדיקייט.

און ווידער אַמאָל: אויף וויפל איז דעם מחבר געלונגען צו פאַראייניקן סימבאָליק מיט רעאַליזם? דער סימבאָליזם פון דער דערציילונג איז אַן אוניווערסאַלער און אַ פּעסימיסטישער. ער דאַרף פאַר אונדז אָנצייכענען דאָס דעמאָנישע אין דעם מענטשן, אין אַלע מענטשן. עס קומט אָבער פאָר אין דעם שטעטל גאָריי — אין אַ דורכגעפּייניקט יידיש שטעטל אין די ערשטע יאָר נאָך גזירות ת״ח ות״ט. דאָס דעמאָנישע אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין יידישע מעטשן — די יורשים פון אַ דריי־טויזנט־יעריקן עטישן מאָנאָטעאיזם און פון אַ גייסטיקער דיסציפּלין, וואָס האָט געווירקט אין טאָג־טעגלעכן לעבן אין משך פון אומצאָליקע דורות; די קינדער און אייניקלעך פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם מיטן הייליקן אחד אויף די ליפּן און אין דער נשמה. און אָט־דאָס בילד לייענען מיר אין דער תשעה־באב צייט היטלער—המן, די גיהנום־טעג פון חורבן בית־שלישי, ווען די יידן פון די הונדערטער גאָרייס זענען אומגעקומען אין קדושה, אין דער קדושה פון דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד וואָס זיין שיין פאַלט אויף אַלע אומגעקומענע.

בשעת מען לייענט די איינצלנע פּאַראַגראַפן, די באַזונדערע קאַפּיטלען פון „שטן אין גאָריי״, איז נישט שווער מיטצומאַכן מיטן מחבר זיין קינסטלערישע נסיעה. יעדער עפּיזאָד, יעדע מאָראַלישע געזונקענקייט — אַליין פאַר זיך — לאָזט זיך גלויבן. די קינסטלערישע מעלות פון דער דערציילונג זענען גאָר גרויסע: פיינע, מאַמע־וואַרימע אַרכאַאישקייט פון לשון, מעלאָדישקייט און ריטמישקייט פון וואָרט און שורה, אייגנאַרטיקייט פון בילד, קלאָרע קאָנסטרוקציע. אָבער אַז מען ווערט פאַרטיק מיט דער גאַנצער דערציילונג, נאָכדעם ווי איר מוזיקאַלישע באַוועגונג פאַרענדיקט זיך, לאָזט נישט אָפּ דאָס געפיל, אַז דער דערציילונג פעלט עפּעס אַ קינסטלעריש־עטישער אמת, אַז אירע איינצלנע קלאַנגען און טענער זענען זיסע, אָבער איר גרונט־טאָן און איר ענדגילטיקער נאָך־קלאַנג זענען נישט פולשטענדיק עכט. ס׳איז אין לעצטן סך־הכל אַ דערציילונג פון געזעלשאַפטלעכן פּאַנאַנדערפאַל און פון יחידישער דעגענעראַציע, געמאָלן אויף דעם הינטערגרונט פון אַ פּסעוודאָ־מעטאַפיזישער סימבאָליק. אָט־דער חסרון איז אַן אינעווייניקסטער און ליגט אין דער דערציילונג גופא. ער איז דעריבער אַן עסטעטישער חסרון און נישט דווקא קיין „אידעאָלאָגישער״. דער זיווג צווישן סימבאָליזם און רעאַליזם, איז דעם מחבר נישט אינגאַנצן געלונגען. און נישט געלונגען איז עס אים — נישט ווייל עס פעלן אים די נייטיקע קינסטלערישע כוחות דערצו — נאָר ווייל ער האָט בלויז געזען די העק גאָריי און דעם שטן אין גאָריי. ער האָט נישט דערזען גאָט אין גאָריי; ער האָט נישט דערזען גאָריי אין דעם גורל פון דער יידישער געשיכטע און פון דער יידישער אידייע.

אפילו אין אַ פּויערישער כאַטע צי אין אַ קרעטשמע, ווו ער האָט געמוזט שלאָפֿן אויף אַ טיש, ווייל קיין געלט פאַר אַ לייטיש נאַכטלעגער האָט ער נישט געהאַט, פלעגט ער לערנען ביי אַ ליכטל פּאַר אַ גראָשן, לערנען אַזוי לאַנג, ביז עס איז אויסגעגאַנגען.

מיין טאַטע האָט אין מיר אריינגעשטופּט מער וויפיל ער האָט געקענט. איך ווייס נישט צי איר ווייסט עס, מיין בוררות האָט זיך געשטיצט אויף דער גמרא. וועגן מיין עשירות, איז עס נישט געווען מיין אויפטו. די ברכה צי די קללה פון יענעם באַוואוסטן ייד האָט געטאָן דאָס איי־ריקע. איך בין געוואָרן רייך, אמתדיק רייך, נאָר כאַטש די בראַנזשע האָט מיך געשטיצט, ווי זי האָט געשאַצט — איז עס דאָך נישט געווען ווי עס האָט אויסגעזעען... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַ גוטער בעל־חשבון, און זייענדיק דאָס וואָס איך בין, אַ גילגול פון מיין על־טער־־זיידן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז ערגעץ אין מיין עשירות פאַראַן אַ באַהאַלטענער פעלער, אַ פּגם וואָס זוכט אַ תיקון. איך האָב עס לייכט געפונען, און אַזוי ווי איך האָב נישט געוואָלט, אַז דאָס ווערן אַ יורד זאָל זיך ציען און ציען, האָב איך געטאָן, וואָס כ'האָב געטאָן. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן... מער טאָר איך נישט!...

עס איז שוין געווען די פריע ערב־מאַרגן שעה, ווי געוויינטלעך אין זומער־צייט, און דער עולם איז געזעסן צוגעשמידט צו די בענקלעך און מיט אַ פּיפּס נישט אי־בערגעריסן, הערשל קלאַפּס רייד.

פלוצלינג האָט זיך די עלעקטריע אויסגעלאָשן, און עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרדריסלעכער אַאַאַ. ווען דאָס ליכט האָט אַ ווײַלע אַרום זיך צוריק אָנגעצונדן, זענען די מענטשן געזעסן מיט פאַרריסענע קעפּ צום סופית, די שטול, אויף וועלכער הערשל קלאַפּ איז געזעסן, האָט געשראָקן מיט איר ליידיקייט.

מער האָט אים שוין קיינער נישט געזען.

## עס פעלט...

„די ליבע — איז בלינד . . .
שנאה — מיט טויזנט אויגן קרימט;
פרייד — אַ קליינער רינגל איינגעדרייט
אין אַ לאַנגער קייט פון לייד;
גליק — זיך הוידעט אויף אַ שטריק
קוים באַרירט — עס לויפט צוריק; —
— בלייב איך אַ פאַרטראַכטער שטיין
מעיין טרויעריק דעם מיין: —
— וווּנדערלעך די גרויסע וועלט
— נאָר גלייכער שכל דאָרטן פעלט . . .

מאיר זייבל

ד״ר עזריאל נאַקס

# סימבאָליק און רעאַליזם

(וועגן באַשעוויסעס בוך: „דער שטן אין גאָריי״)

„דער שטן אין גאָריי״ איז צום ערשטן מאָל פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשעווער „גלאָבוס״ אין 1932. אין בוכפאָרם איז ער דערשינען מיט דריי יאָר שפּעטער אין פאַרלאַג פון וואַרשעווער פען־קלוב. „דער שטן אין גאָריי״ האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען ווען עס האָט זיך געדרוקט קאַפּיטלעכווייז אין „גלאָבוס״. דער יונגער מחבר איז גלייך אָנערקענט געוואָרן ווי אַ שרייבער מיט אַ קרעפטיקן און קערנדיקן טאַלאַנט.

דאָס בוך הייסט „דער שטן אין גאָריי״, און, מיר דוכט זיך, אַז דער נאָמען האָט דאָ אַ היפּשע באַדייטונג. אָפּטמאָל איז דער נאָמען פון אַ ווערק אַ צופעליקער. פאַרקערט, אין אַנדערע פאַלן, איז דער נאָמען אַ שליסל צום בוך און באַווייזט דעם וועג, וואָס פירט צום סאַמע תוך פון ווערק. דאָס בוך האָט געקאָנט הייסן „דער שטן״, אָט פונקט ווי אַנדרעיעווס מיסטיש־סימבאָלישע דראַמע הייסט „אַנאַטעמאַ״. אָדער מעטערלינגס מעטאַפי־זיש־סימבאָלישע דראַמע — „דער בלויער פויגל״. פון דער צווייטער זייט, האָט זיך באַשעוויס געקאָנט באַנוגע־נען בלויז מיטן נאָמען „גאָריי״, פונקט אַזוי ווי דיקענס באַנוגנט זיך מיטן נאָמען „אַ מעשה פון צוויי שטעט״, אָדער אַפּאַטאַשו מיטן נאָמען „1863״. עס הייסט אָבער „דער שטן אין גאָריי״. דער שטן איז די מעטאַפיזיק און די סימבאָליק פון דער דערציילונג, איר טונקעלע און אימהדיקע אַטמאָספערע, איר אונטערערדישער שטראָם, וואָס גיסט זיך צונויף מיט אַנדערע אומזעבאַרע שטראָ־מען, און איז גרענעצלאָז און איבערצייטלעך. גאָריי איז די לאָקאַליזירטע סביבה און דער רעאַליסטישער סוזשעט פון דער דערציילונג; — דאָס איז קאָנקרעטע האַנדלונג און באַשטימטע מענטשן. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דער לייענער זאָל זיך פרעגן: אויף וויפיל געלינגט דעם מחבר צו פאַראייניקן אָט־די צוויי עלעמענטן פון דעם ווערק — סימבאָליק און רעאַליזם — כדי עס זאָל זיך באַקומען קינסטלערישע שלימות, קינסטלעריש־עטי־שער אמת?

די מעשה שפּילט זיך אָפּ אין גאָריי, אין די ערשטע יאָרן נאָך די גזירות ת״ח ות״ט. די צרות און אומגליקן, וואָס די יידן האָבן דורכגעלעבט, זענען מוראדיק, ביס־לעכווייז קערן זיך די אַנטלאָפענע יידן אום צוריק אין גאָריי און דאָס לעבן הייבט אָן צו גיין אויף זיין אַלטן שטייגער. אויך דער גרויסער רב זייערער, ר' בינוש, איז ניצול געוואָרן און איז צוריקגעקומען קיין גאָריי צו פאַר־ענדיקן זיינע ספרים און די... יאָרן זיינע.

אָבער ס'איז נישט באַשערט געווען גאָריי קיין רואיקייט און קיין שלום. נאָך פאַר די גזירות ת״ח ות״ט האָט ר' בינוש דערשפּירט, אַז דאָס פּוילישע יידנטום גייט אויף

— איך וויל אייך היינט דערציילן ווי אַזוי עס איז געקומען צו מיר דאָס צוטשעפּעניש.

ער האָט אָפּגעזיפצט, אָנגענומען אָטעם און אָנגעהויבן אַזוי:

— מיין טאַטע איז געווען אַ גלעזער. ער איז ארומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער הייף מיט אַ קאַסטן פענצטער־גלאָז אויף די פּלייצעס און פאַררייסנדיק דעם קאָפּ כדי מען זאָל אים בעסער הערן האָט ער גערופן: — שויבן... שויבן... שויבן... ביז עס האָט זיך אויפגעמאַכט אַ פענצטער און אַ ווייבערישער קאָפּ האָט צו אים אַראָפּגעשריגן: — איר ייד, קומט ארויף!...

פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע פּרנסה דערפון איז נישט געווען. מילא, האָט די מאַמע צוגעהאַנדלט מיט אויבסט אין די האַלעס, איר ווייסט שוין...

מיין זיידע איז געווען אַ דאָרפס־גייער, געהאַנדלט מיט האָזן־פּעלעכלעך, מיט פּאַטשערקעס פאַר די אַלטע פויערטעס, מיט קעמעלעך און שפּיגעלעך פאַר די יונגע שיקסעס, מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. מיין טאַטע ע״ה פלעגט מיר דערציילן וועגן אים ווונדערלעכע זאַכן. קודם האָט ער דעם טאַטן מיינעם נישט ארויסגעלאָזן פון בית־מדרש ביז דער חתונה. צוויטנס איז ער געווען אַ יראה שמים און אַ בן תורה. איך האָב מיין זיידן נישט געקענט, נאָר פון דעם וואָס דער טאַטע האָט מיר דערציילט וועגן אים זענען מיר צוויי זאַכן געבליבן אין קאָפּ. ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט ער געזאָגט צום טאַטן: — דאָס קינד איז ענלעך צו מיין טאַטן, אים אויף לאַנגע יאָרן, נאָר אַ מזל זאָל ער האָבן אַ בעסערס...

די צווייטע זאַך איז געווען זיין ערלעכקייט אין האַנדל. ער האָט נישט גענאַסן פון אַ פויערס אַ טעות, און אוודאי זיי נישט גענאַרט, כאָטש זיי פלעגן זיך אַלעמאָל מיט אים דינגען. זיי האָבן נאָר געקויפט, ווען דער זיידע האָט זיי געזאָגט: — פּאַד חרם, ניע מאָגיע!...

ער האָט טאַקע נישט גענאַרט, איך, זיין אייניקל האָב אפשר אויך נישט אָפּגענאַרט, נאָר זיין אזוי אָפּגעהיטן ווי מיין זיידע איז געווען האָב איך נישט געקענט. איר פאַרשטייט דאָך, אַן אַנדערע וועלט היינט. צו ווייניק מצוות, צו ווייניק תענוגים — טאָ וואָס פאַרבייגט מען?...

מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ רב. דאָס שטעטל ווו ער האָט געקיניגט איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ, נאָר פּרנסה, דווקא אַ שיינע פּרנסה, האָט ער געצויגן פון דין־תורות. צו זיין בוררות פלעגט מען קומען פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך און זיין שם איז דערגאַנגען אפילו ביז ווייטערע פּאָוויאַטאָווע שטעט. ביי אַ דין תורה איז ער געוואָרן אויס רב, דאָס הייסט, אַז ער האָט געפּסקנט לויטן דין, נאָר ער האָט עס גענומען פון דער סוחרישער זייט — און גענומען מעשר, גאַנצע צען פּראָצענט!...

די שפּילערס האָבן זיך איבערגעקוקט, הערשל האָט דאָס נישט באַמערקט. ער איז געווען צו טיף אין זיינע רעיונות.

— האָט איינמאָל געטראָפן, אַז ער האָט געפּסקנט אַ דין־תורה צווישן צוויי מחותנים, געווונען האָט דער אָרעמער מחותן, נאָר די צען פּראָצענט מעשר האָט אים געצוואונגען אָפּצולייגן דעם זמן־החתונה. דער מחותן איז געווען דער כלהס פאָטער.

דינגענישן האָבן נישט געהאָלפן, דער עלטער־זיידע איז געווען האַרט אויפן גראָשן. ארויסגייענדיק פון רב האָט דער באַעוולטער ייד געוואָרפן מיין עלטער־זיידן אין פּנים אַריין: — אויב איר, אַ רב דערפירט דערצו, אַז איך מוז צוליב אייך אָפּלייגן די חתונה פון אַ יידישער טאָכטער, ווינטש איך אייך, אַז אייער עלצטער זון זאָל מוזן אַזוי אַרבעטן אויף פּרנסה ווי איך... אַזוי אויך זיין עלצטער זון, נאָר אייערס אַן אור־אייניקן זאָל זיין אזוי רייך ווי איר, אַזוי שווער אויף אַ גראָשן ווי איר, נאָר ערלעך זאָל ער זיין ווי אייער בכור!...

— מיין עלטער־זיידע איז בלאַס געוואָרן, געוואָלט צוריקרופן דעם ייד, נאָר אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול און געשטאָרבן אויפן אָרט.

★

אינצווישן צייט איז צוגעפאַלן די נאַכט און מען האָט אָנגעצונדן ליכט. דאָס צימער איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן־רויך און די פּנימער פון הערשלס צוהערער, אויך הערשלס פּנים האָט גענומען פאַרלירן די קאָנטראַסטן פון ליכט און שאָטן. נאָר הערשלס גלאַט ראַזירטער קאָפּ האָט מיטן גלאַטיקייט מער דערמאָנט אַ שאַרבן פון אַ מת ווי פון אַ לעבעדיקן מענטש. אין די אויגן זיינע האָבן זיך געצונדן מאָדנע פייערלעך — און באַלד זיך געלאָשן.

— מיין זיידע — האָט הערשל געצויגן דעם פאָדעם פון זיין דערציילונג — מיין זיידע האָט אַ שטיקל צייט נאָכן טויט פון עלטערן־זיידן זיך גענומען צום מסחר. דער עלטער־זיידע האָט געלאָזן אַ סך געלט, נאָר נישט גענוג צו דעקן מיין זיידנס ערלעכקייט. איר ווייסט, אַן אַמאָליקער ייד...

פון אָנפאַנג האָט קהל נישט געוואָלט דערלאָזן. דער זיידע איז געווען אַ גרויסער למדן און אויך געהאַט היתר הוראה, האָבן זיי אים געבעטן: — ר׳ צבי — איר וועט צום האַנדל נישט טויגן... איר זייט צו ערלעך... נעמט איבער דעם כסא הרבנות!

האָט זיי דער זיידע געענטפערט אַזוי: — רבותי, איר ווייסט דאָך ווי מיין פאָטער ע״ה איז אומגעקומען... לאָזט עס אָפּ... עס איז, ווייזט אויס, אַן אָנווייזונג פון אויבן...

אָנגעהויבן האָט ער מיט וועלדער — זענען זיי אַוועק אין שריפות... האָט ער געפּאַכטעט סעדער, האָבן זיך אין די פרוכטן אַריינגעכאַפּט ווערעם... האָט ער געקויפט ביים פּריץ תבואה באַלד נאָכן פאַרזיי, איז זי שיין אויפגעגאַנגען, נאָר האַרט פאַרן שניט, האָבן האָגלען אויסגעדרעשעט די פעלדער און געלאָזן הוילע זאַנגען... אָבער דעם פּריץ האָט דער זיידע צוגעצאָלט ביז דער לעצטער פּרוטה, לויטן קאָנטראַקט. אַלץ איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. איז דער זיידע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראָגענער און גערעדט צו זיך: — די קללה בלייבט קללה! צבי בר׳ יצחק, דיין גורל איז געחתמעט!...

— האָט ער זיך ארומגעפּלאָגט צווישן פּויערים פון שבת צו שבת, אָבער דאָס לערנען נישט אויפגעגעבן.

בין געוואָרן אַ הייליקער, אַ משה, אַ בודדאַ צי גאָר יעזוס... איך ווייס, אַז איר וועט נישט פאַרשטיין, איך פאַרשטיי אייך יאָ, אָבער — איך קאָן נישט מער.

די סחורות זענען שוין געווען פאַרפּאַקט. דער „טרעוו־לער" איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן באַנעמען, אַז מר. קלאַפּס רייד זענען נישט קיין רייד אין דער וועלט אַריין, און ער האָט געקוקט אויף אים מיט חידוש געמישט מיט דרך ארץ.

— הערט, האָט מר. קלאַפּ געצויגן זיין ווידוי — איך בין איבערגעזעטיקט, שוין נישט פון היינט. איך בין אַ גאַנץ לעבן געווען פאַרפּלייצט מיט פּאַפּירלעך: — איינקויף, פאַרקויף, היזק, ריווח, צאָלונגען, מאַנונגען, שטייערן, חובות... אַ וועלט איז געוואָרן פאַרפּלייצט מיט אַ פּאַפּיר־מבול. אַלץ איז כלומרשט צוליב אָרדענונג, אָבער עס שטיקט!... פּאַפּיר איז נוצלעך, פּאַפּיר האָט גע־געבן אַ שטויס די מענטשלעכע ציוויליזאַציע. אָבער אויף פּאַפּיר שרייבט מען אָן אַ סאָנאַטע, און אויך אַ טויט־אורטייל...

מעגלעך, אַז איך שרייב איצט אָן מיין אייגענעם פּסק־דין. איך איך וועל פאַרלירן אַלץ, וואָס איך האָב מיט אַ סך מי אָנגעטשיליעט. איך וועל פאַרלירן מיין אָנזען, אָבער איך וועל יעדן איינעם זאָגן דעם אמת, מיין אמת, אַזוי ווי איך זע אים. מען וועט זיכער פון מיר לאַכן, ווייל איך וועל אין די אויגן פון מענטשן אויסזען ווי אַ חסר־דעה. איך, וואָס בין געשטאַמען אויפן שפּיץ פון מאַטעריעלן דערפאָלג, וועל אַראָפּפאַלן אין אָפּגרונט פון פאַרגעסנקייט, באַגלייט מיט חוזק און אָפּשפּעטעריי פון די „נאָרמאַלע מענטשן". איך בין איצט און פון אַ סך פריער, שוין גרייט אויף דעם, וואָס וועט קומען, ווייל איך קאָן ווייטער נישט גיין אַזוי ווי איך בין געגאַנגען. איך האָב דערהערט דעם רוף פון מיין גורל: הערשל: ביסט געקומען צום פונקט פונוואַנען ס'איז נישט פאַראַן קיין צוריק.

ביסלעכווייז האָט מען וועגן הערשלען פאַרגעסן, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך ווידער באַוויזן. געווען איז דאָס עטלעכע יאָר נאָך דעם באַנקראָט. דאָס אָפּרו־הויז אין די בערג איז ווי געוויינטלעך אין זומערצייט געווען פול מיט פאַרמעגלעכע יידן, וועלכע קומען פאַר־ברענגען מיט אַלץ אין דער וועלט, דער עיקר מיט קאָרטן־שפּיל.

ווען הערשל קלאַפּ איז אַריינגעקומען, האָט זיך דאָס שטילע גערויש פון די שפּילערס ווי פון זיך אַליין אָפּגע־האַקט. ווען עס וואָלט אַריינגעקומען אַזוי סתם איינער, וואָלטן זיי מיטן אויג אַ פּינטל נישט געטאָן, אָבער דאָס איז געווען הערשל. אַריינגעקומען איז ער אין בין־השמשות־צייט, ווען דאָס טאָג־ליכט דרינגט נאָך אַריין, נאָר שוין נישט מיט דער פריערדיקער קראַפט, ווען די קאָנטורן פון זאַכן ווערן ווייכער און די פּנימער פון מענטשן זעען אויס בלאַסער און מטושטער אַזוי ווי די האָריזאָנט־ליניע אין דער ווייטקייט פון פעלד.

ער האָט אויסגעזען אַ ביסל מאָגערער, די הויט דורכ־זיכטיק, ווי ער וואָלט געווען אַ לאַנגע צייט אָן פרישער לופט. דער גלאַט ראַזירטער קאָפּ האָט ווי שטענדיק גע־גלאַנצט, און זיינע אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, די גרויסע, אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן אויסגעזען גרעסער ווי געוויינטלעך, און האָבן געלויכטן אין דעם בין־השמשות מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ.

— מר. קלאַפּ! ברוך הבא אַ גאַסט... שוין לאַנג נישט געזען... וואָס מאַכט איר?...

— אַ דאַנק! אַ דאַנק!... אַזוי, נישקשה...

זיין שמייכל האָט געדויערט אַן אויגנבליק, גענוג אָבער צו דערזען זיינע אויסערגעוויינטלעכע גרויסע ציין, וואָס האָבן זיך געבלייכט מיט אַ טויטער בלאַסקייט.

אין אָוונט האָבן די „סראַקערס" זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיק צימערל און איינגעטאָן זיך אין דער עבודה פון קאָרטן־שפּיל.

— היי, תכשיט מיינער... אַזוי גייט נישט!... האָסט געוואָרפן די קאָרט, כאַפּ זי נישט צוריק... אַ קאָזע גייט אויף צוריק!...

— באמנות!... ס'איז געווען אַ טעות... כ'האָב זיך פאַרטראַכט וועגן אונדזער היינטיקן גאַסט...

אַזוי גאָר! הער נאָר דעם תירוץ!...

אינמיטן האָט זיך געעפנט די טיר און מר. קלאַפּ איז געשטאַנען אין אַריינגאַנג.

— אַ, מיסטער קלאַפּ! קומט אַריין... געקומען אין אַ גוטער מינוט... מען דאַרף אַ האַנט... מיר האָבן דאָ איי־נעם אַ פּושער... ער וואַרפט אַ קאָרט און כאַפּט זי באַלד צוריק...

דער באַליידיקטער שפּילער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט אַרויסגיין פון צימער, אָבער הערשל קלאַפּ האָט אים פאַרהאַלטן.

— גייט נישט אַרויס... איך וועל נישט שפּילן!... נעמט זיך אויך נישט איבער מיט דעם, וואָס איר האָט געהערט פון אייערע פריינד... איר זייט נישט שולדיק... איר האָט זיך טועה געווען צוליב מיר. פאַראַן אַ סיבה: איך האָב גראָד געטראַכט וועגן אייך. אייער זיידע שטאַמט פון שטעטעלע ס. וואָס נעבן פּלאָצק? אַ יאָ?... נו, אייער זיידע האָט געלעבט בשכנות מיט מיינעם... צווייטנס, דאָס זענען קליינע, נישטיקע זאַכן... פאַראַן גרעסערע ענינים אויף דער וועלט, וואָס זוכן אַ תיקון... ווען איר וועט פאַרענדיקן שפּילן, דאָ האָט הערשל געמאַכט אַ פּויזע, וועל איך אייך עפּעס דערציילן... וועגן מיר...

די קאָרטן זענען געבליבן אויפן טיש.

— איך ווייס, אַז מען האָט מיך גערופן „דער גיל־גול"... זאָגט נישט, אַז איר ווייסט נישט דערפון... ווען כ'בין פריער אַריינגעקומען אין פּאַנסיאָן, האָב איך דער־כאַפּט עמיצער האָט שטיל אויסגערופן: — זע נאָר! דער גילגול איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים...

זיין געוויינטלעך רוי און גראָב קול האָט געקלונגען געדעמפּט ווי ער וואָלט וועלן עפּעס דערשטיקן אין זיך און נישט געקאָנט עס טאָן. ער האָט כמעט ווי גע־שעפּטשעט.

י. מ. לעווין

# די קלה

(דערציילונג)

עס איז די געשיכטע וועגן איינעם, וואָס איז צוליב אומבאַקאַנטע סיבות געוואָרן אַ יורד כמעט איבערנאַכט. די גיַשיכטע איז נישט קיין נייע. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך, און די וועלט גייט זיך איר וועג און וועט גיין אַזוי ווייטער, ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך.

אינדעראמתן — וואָס קען אָנגיין דער „וועלט״, אַז הערשל קלאַפּ, דער פּיפּיקער סוחר, דער איינרייסער, וואָס האָט אליין נישט געוווּסט וויפיל ער פאַרמאָגט, איז צוגעקומען צו א בלינד געסל, פונוואַנען קיין „ווייטער״ איז נישט פאַראַן, און ער האָט צו זיך אַ זאָג געטאָן — דינו!

פון אָנהויב האָבן די סוחרים פון דער זעלביקער גאַס, ווי אויך פון זיין בראַנזשע געקנייטשט די שטערנס, געכאַפּט א שמועס מיט הערשלס באַקאַנטע, אפילו אָנגעפרעגט זיך ביי זיינע קרובים, אָבער ווען זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט דערגיין האָבן זיי אָפּגעפּסקנט: — איר וועט שוין זען וואָס דער ממזר־קאָפּ, דער „גילגול״ האָט צוגעטראַכט... אין אַ יאָר אַרום וועט מען אים דאַרפן וועגן נישט מיט גאָלד, נאָר מיט בריליאַנטן...

שפּעטער אָבער האָבן פון אומעטום אָנגעהויבן קריכן ידיעות ווי גליטשיקע ווערעם פון דער בלאָטע אַרויס, ידיעות אומגלויבלעכע און פאַנטאַסטישע: — מען ליציטירט קלאַפּן...

אַ טייל האָבן מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך צעלאַכט:—איר גלויבט דערין? איך נישט!... ס'איז אַ קונצעלע...

אַנדערע ווידער, די צו וועלכע עס זענען דערגאַנגען קליינע, אָפּגעריסענע פאַקטן איבערגעגעבענע מיט אַ געהיימניספולן: — ששש... האָבן גענומען טראַכטן, אַז הערשל איז אַראָפּ פון זינען... פאַרענדיקט האָבן זיך די שושקערייען מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: — באַהיט זאָל מען ווערן!... עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן...

מיסטער קלאַפּ איז אַנטרונען געוואָרן, פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אריין. מען האָט אים אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען, נישט אין אָפיס, נישט אינדערהיים.. דער דאָזיקער טרוקענער פאַקט האָט מער נאָך פאַרנעפּלט דעם ענין און האָט געעפנט אַ פעלד פאַר אומגלויבלעכע השערות און ספּעקולאַציעס.

פון די קלאַנגען פון די ברעקלעך ידיעות, וועלכע האָבן זיך פאָרט אַדורכגעריסן צום ברייטן עולם, איז אַנטשטאַנען אַ קאָנסטערנאַציע שווערער צו פאַרדייען ווי דעם משונהדיקסטן אמת. דער דערפאָלגרייכער סוחר, דער קלוגער מאַן, ביי וועמען מענטשן האָבן געפרעגט עצות, דער בורר ביי קאָמפּליצירטע דין־תורות, — איז, ווי עס ווייזט זיך ארויס — אַ פשוטער נאַר, אַן אידיאָט.

ווי אַ ווינט איז איבער דער שטאָט דורכגעלאָפן אַ שמועה, אַז מיט הערשל קלאַפּ איז עפּעס געשען, אָבער וואָס אַזוינס, האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט זיך איבערגעגעבן אַ סלוך, אַז ער האָט אָפּגערופן אַלע באַשטעלונגען. פאַרוואָס — האָט קיינער נישט געוווּסט. ער האָט גענומען טענהן: — מען דאַרף זאָגן דעם אמת!... אַ קורצע אויסגעדראָשענע פראַזע, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דער ליגן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

ער האָט אויף די אויסגעלייגטע מוסטערן צוערשט געוואָרפן אַ גלייכגילטיקן בליק און באַלד אַוועקגעדרייט פון זיי דעם קאָפּ. ער איז געשטאַנען פאַרקוקט אין זיך און ווי איינגעהערט זיך צו זיינע אייגענע מחשבות. ער האָט פון אָנהויב אַפילו נישט געהערט, וואָס דער באַרעדעוודיקער „טרעוולער״ האָט געזאָגט, די רייד זענען צו אים דערגאַנגען ווי אַ זשומען פון זלידנע פליגן. דערנאָך האָבן די פאַרבן פון די סחורות און דאָס זשומעניש גענומען זיך צונויפמישן אין אַן איבלדיקייט. ער האָט באַשלאָסן: — איצט!

ער האָט געוואָרפן אַ פאָרשערישן בליק אויף דעם מאַן, וועלכן ער האָט געקענט לאַנגע יאָרן און אַ טראַכט געטאָן: ווי אַזוי ער וועט דאָס אויפנעמען?

מיט געשיקטע באַוועגונגען האָט ער גענומען פאַרפּאַקן די סחורות. דער „טרעוולער״ איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער, אָן לשון. קלאַפּ איז געווען זינט יאָרן זייער אַ גוטער קויפער, ער האָט באַשטעלט גרויס, אַ ריזיקאַנט.

— איך בין אייך שולדיק אַן אויפקלערונג.

דער מאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָן באַוועגונג, אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן אָנען, אַז עס איז געשען עפּעס נישט געוויינטלעכס, עפּעס וואָס איז נישט באַגרייפלעך אפילו פאַר די, וואָס קענען מיסטער קלאַפּס משוגענע גענג.

— דזשאָו!... נעמט עס נישט פּערזענלעך... אַלץ, וואָס איר האָט מיר דאָ דערציילט, איז נישט ווערט אַ הייפעני... ס'איז אַ פּראָסטער, ביליקער ליגן!

— פּראָטעסטירט נישט!... איך קען די זאַכן נישט פון היינט. איך האָב די ציין אויפגעגעסן אין מסחר. איך אַליין פלעגט דאָך אויך אַזוי טאָן... איך האָב זייער דערפאָלגרייך זיך באַנוצט מיט דעם מעטאָד פון ארומוויקלען דעם קויפער מיט האַלבע אמתן... די פליטערלעך פון די פאַרקויפערס שיינריידעריי זענען אויבנאויפיק בלישטשענדיקע „קאָנווענציאָנעלע״ אמתן, — אין תוך — ליגנס אָנגענומענע פאַר אַ גוטער מטבע אויף אַלע וועלטס־יאַרידן, דיפּלאָמאַטיע בתוכם. אומעטום האַנדלט מען מיט אַלע מינים: אפילו מיטן גלויבן פון די ערלעכע און תמימותדיקע. מען פאַרקויפט אויך נייע רעליגיעס, און די פאַרקויפערס שרייען, אַז זיי זענען אַנטי־רעליגיעז! אַלע אייערע רייד, מיין פריינד, זענען געציילט צו איין נישט באַשטרייטבאַרן אמת — פאַרדינען.

פאַרדינען איז וויכטיק. איר האָט אוודאי אַ פרוי, קינדער און עס מוז זיין עמיץ, וואָס זאָל וועגן זיי זאָרגן. איך — קאָן ווייטער נישט גיין מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן איך בין ביז איצט געגאַנגען. מיינט נישט, אַז איך

די דייטשן פרווון אַנטלויפן. אָבער דער וועג איז פאַר־מאַכט. די גאַס איז פול מיט דייטשישע מתים. די לעבן־געבליבענע זוכן דעקונג אין די נאָענטסטע קראָמען און טויערן. אָבער די באַהעלטענישן ווייזן זיך אַרויס פאַר נישט קיין גענוגנדיקע. די „העלדישע״ עס.עס.־לייט פירן אַריין אין קאַמף די טאַנקען, וואָס אונטער זייער שוץ דאַרפן עס די רעשטלעך פון צווי קאָמפּאַניעס דורכפירן זייער זיגרייכן ריקצוג. אָבער אויך זיי האָבן נישט קיין גרויס גליק. דער ערשטער טאַנק איז פאַרברענט געוואָרן פון אַן אויספּרייס פון אונדזערער אַ צינד־פלאַש. די אי־בעריקע דערנענטערן זיך נישט צו אונדזערע פּאָזיציעס. דער גורל פון די דייטשן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין „קעסטל״ מילע־זאַמענהאָף, איז אַ פאַרויס־באַשטימטער. קיין איינער איז פון דאָנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

(מאַרעק עדעלמאַן: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״)

## וואַרשע

...עס האָבן געקעמפט ביי אַ צענדליק באַוואָפנטע גרופן פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע: אין די הייזער לעשנאָ 74 — די גרופע פון העניעק קאַווע, לעשנאָ 76 — פון אליעזר געלער, נאָוואָליפּיע 67 — פון נאָוואָ־גרודסקי, סמאָטשע 8־10 — פון וועלוול ראָזאָווסקי, נאָ־וואָליפּיע 40 — פון שלמה ווינאָגראָן און אין נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע הייזער האָבן זיך געפונען קאַמפס־גרייטע גרופן...

(וולאַדקע: פייגעלע־פעלטעל־מענדזשעצקי „פון ביידע זייטן געטאָ־מויער״)

זאַויפן שטח פון געטאָ איז געווען טעטיק אַ סימפּאָ־נישער אָרקעסטער. שיינע סימפּאָנישע און קאַמעראַלע קאָנצערטן האָבן געגעבן מינוטן פון אָפּרו און פאַרגעסע־ניש. אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן נייע יונגע טאַלאַנטן. עס האָט אויפגעשיינט ווי אַ מעטעאָר די פענאָמענאַלע יונגע זינגערין, מאַריאַשע אייזענשטאַט „די נאַכטיגאַל פון געטאָ״. זי איז דערהרגעט געוואָרן דורך די עס.עס.־לייט. עס האָבן זיך געשאַפן כאָרן, ספּעציעל זענען גע־שטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה די קינדער־כאָרן. די יידי־שע מאַלערס און סקולפּטאָרן וואָס האָבן געלעבט אין אַ שרעקלעכער נויט האָבן אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען.

(עמנואל רינגעלבלום: „בריוו צום ייווא״, פען־קלוב צו שלום אַש, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, ר. מאַהלער)

## קעלעצק

...ווען מען האָט באַמערקט די אַרומרינגלונג פון געטאָ האָבן זיך דערהערט געשרייען: „יידן צינדט די הייזער און האַקט די דראָטן!״ וואַלקנס רויך און פייער האָבן זיך באַוויזן איבערן געטאָ. די יידן האָבן מיט העק און אַנ־דערע מכשירים זיך געלאָזן צו די פאַרצוימונגען און אָנגעהויבן האַקן די דראָטן. צוליב די פייערן האָבן זיך די תלינים געמוזט דערווייטערן...

## ניעסוויזש

...אַלס סיגנאַל צום ווידערשטאַנד איז געוואָרן אונ־טערגעצונדן אַ סטויג היי... עס האָבן באַלד אָנגעהויבן ברענען די הייזער... דער קוילנוואַרפער אויפן שול־בוי־דעם האָט זיך פאַרהאַקט. אָבער אויף די ברענענדיקע גאַסן איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף קעגן די דייטשן פון די יידן באַוואָפנטע מיט מעסערס, העק, דרענגער, האַליאַב־לעס, שוועבל־זויער א.ד.גל. דער ייד יאַקאָוו קלאַטשקאָ האָט געהרגעט דעם וויסרוסישן פּאָליציאַנט טשיזשיק. ד״ר קעסעל האָט געגעבן הילף די פאַרוווּנדעטע. נישט־קענענדיק צוקומען צו דער שול האָבן די דייטשן זי באַ־וואָרפן מיט גראַנאַטן און אונטערגעצונדן... דער קאַמף האָט געדויערט עטלעכע שעה...

## טשענסטאָכאָוו

...די קעמפערס וואָס זענען געווען אין בונקערס פון די הייזער אויף דער נאַדזשעטשנאַ־גאַס 86, 88 און 90 האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער קאַמף איז אָנגע־גאַנגען אַ וואָך צייט. די יידן האָבן זיך באַנוצט מיט ביקסן, רעוואָלווערן, האַנט־גראַנאַטן און בענזין־פלעשער...

## גלובאָק

...ווען די דייטשן זענען אַריין אין אויגוסט 1943, ליקווידירן דאָס געטאָ, זענען זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן. בראַון האָט געזען דערהרגעטע ס׳ס׳־לייט. דייטשן האָבן געוואָרפן גראַנאַטן אין יעדן פענצטער. די יידן האָבן אונטערגעצונדן די הייזער...

## יידישער אַטריאַד פון קרוק׳ן אין וואָלין

...לויט דער סומירונג פון שטאַב האָט די יידישע אָפּ־טיילונג מצליח געווען אויפרייסן 80 צוגן, 81 לאָקאָמאָ־טיוון, 650 וואַגאָנען, דערביי זענען געטויט געוואָרן טויזנ־טער דייטשן, מ׳האָט אויך צעשטערט עטלעכע צענדליק טאַנקען...

## קרעמעניץ

...נאָך אין האַרבסט 1942, אומגעפער אַ האַלב יאָר פאַרן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיך די קרעמעניצער איינוווינערס אויפגעהויבן מיט געווער קעגן די דייטשן. עטלעכע טעג האָבן זיי געקעמפט מיט שונא. ווען עס האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע מיטלען, האָבן די לעבן־געבליבענע יידן מיט זייערע אייגענע הענט אונ־טערגעצונדן די שטאָט פון אַלע זייטן און זי אַוועקגע־לאָזט מיטן פייער...

(די באַריכטן און די מאַפּע זענען גענומען פון בוך „די יידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין פוילן״ פון נ. קאַנטאָראָוויטש).

# מיט געווער קעגן די נאַציס

## (צום 36סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער און אַנדערע אויפשטאַנדן)

■ ערטער פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד




א — אַרבעטס-לאַגער  ק — קאָנצענטראַציע-לאַגער  פּ — פּאַרטיליקונגס-לאַגער

## וואַרשע

די יונגע בחורים און די יונגע מיידלעך פון דער קאַמף-אָרגאַניזאַציע האָבן זינט חדשים געוואַרט אויפן דאָזיקן מאָמענט, ווען זיי וועלן קענען שיסן דייטשן. און דער מאָמענט איז געקומען, איך בין געשטאַנען אויף אַ בוידעם אויף נאַלעווקעס 33 און כ׳האָב געזען ווי טויזנטער דייטשן רינגלען אַרום די געטאָ מיט קוילן-וואַרפערס, פּלוצים האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינגיין אין געטאָ, טויזנטער, באַוואָפנט, און מיר, עטלעכע און צוואַנציק יונגע מענער און פרויען — מיר האָבן געהאַט אַ רעוואָלווער, אַ גראַנאַט. אַ גאַנצע גרופּע האָט געהאַט צוויי ביקסן און עטלעכע באָמבעס, היימיש געמאַכט, אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן; מיר האָבן זיי גענדאַרפט אָנצינדן מיט שוועבעלעך. עס איז געווען מאָדנע צו זען די דאָזיקע צוואַנציק מענער און פרויען, שטייענדיק קעגן דעם באַוואָפנטן שטאַרקן שונא, גליקלעכע און פריילעכע, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז עס וועט קומען זייער סוף. מיר האָבן געוווּסט, אַז סוף-כל-סוף וועלן זיי אונדז באַזיגן, אָבער מיר האָבן אויך געוווּסט, פאַר אונדזער לעבן וועלן זיי באַצאָלן אַ הויכן פּריַיז. עס איז שווער צו באַשרייבן, וואָס עס איז געשען. ווען די דייטשן זענען צוגעקומען צו אונדזערע פּאָזיציעס און מיר האָבן געוואָרפן גראַנאַטן און באָמבעס און האָבן געזען דייטשיש בלוט שטראָמענדיק איבער די גאַסן פון וואַרשע, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אָנגעזען אַזוי פיל יידיש בלוט אויף די וואַרשעווער גאַסן, איז דאָס געווען אַ פרייד. וועגן מאָרגן האָבן מיר נישט געזאָרגט. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד פאַר די יידישע קעמפערס צו זען דעם וווּנדער, ווי אַזוי די דאָזיקע דייטשע העלדן טרעטן אָפּ, איבערגעשראָקענע און טעראָריזירטע פון די יידישע היימישע באָמבעס און האַנט-גראַנאַטן, אַ שעה שפּעטער האָבן מיר געזען ווי אַן אָפיציר האָט צוגעאיילט זיינע סאָלדאַטן צונויפקלייבן זייערע טויטע און פאַרוווּנדעטע. אָבער זיי האָבן נישט צונויפגעזאַמלט זייערע טויטע און פאַרוווּנדעטע. מיר האָבן שפּעטער צוגענומען זייער געווער.

(צביה לובעטקין, אייכמאַן-פּראָצעס, 1961)

זייטן געטאָ, ביים מיסטקאַסטן ווערט שטיל, די קינדערלעך האָט מען אָנגעטאָן מיט אַלערליי שמאַטעס, אויף די מאַמעשע פּנימער איז זיך ניט איינצוקוקן זיי זענען פינסטער געוואָרן משונה שנעל, דער הימל איז זייער קלאָר און רואיק... כ'האָב ארויפגעטאָן אויף מיין טעכטערל וויפיל זאַכעלעך זי האָט נאָר פאַרמאָגט, די געטאָ פילט זיך אָן מיט ווייבער און קינדער. מיטאַמאָל ווי פון אונטער דער ערד האָבן זיך באַוויזן פּאָליציאַנטן און מ'האָט אָנגעהויבן צו טרייבן צו דער אַרבעט, לאָזן די קינדער און גיין צו דער אַרבעט... מיר ווערן פאַרנאַרט, מיר ווייסן ניט וואָס צו טאָן, ס'גייט דורך אַ געדאַנק: אפשר איז אומזיסט די שרעק? קיינעם פאַלט ניט איין דעם טיוולס פּלאַן, איך פיר מיין קינד צו איר באָבען, איך גיב אַ קוק, אין געטאָ ניט ווייט פון טויער שטייען כלבים, אויסגעפּוצטע דייטשע ס"ס... סתם אַזוי זענען זיי אַהער ניט געקומען, געשיקט נאָך זיי, האָט אויך קיינער ניט, וואָס טוען זיי דאָ?... כ'זאָג שטיל מיין קינד, גיי מאַמינקע צו דער באָבען, ס'קינד פילט עפּעס, זי וויינט און וויל ניט גיין, אַ פּאָליציאַנט רייסט מיך אָפּ פון איר און זי בלייבט מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך... כ'קום צו צו דער קאָנטראָל־שטעלע. אַלע זענען צונויפגעגאָסן אין איין גרויזאַמען ווייטיק, ס'איז אַ גרויליקע שטומעניש, די „נאָבעלע" געסט, וועלכע באַוואַכן אונדז, זענען פאַרזען מיט אויטאָמאַטיש געווער, און אַלעמענס אויגן פרעגן שטום: פאַרוואָס און פאַר וועמען? מיר גייען אַרויס פון געטאָ־טויער און אונטער אַ קאָנטראָל, און אַזוי גיך ווי מיר גייען דורך דעם טויער פליט אַלעמען דורך אַ פינסטערער געדאַנק. אפשר האָבן מיר ניט געדאַרפט אַוועק... און ניט קיין טרערן, נאָר בלוט האָט געשפּאַרט פון אַלעמענס אויגן. אָבער קיין צוריקוועג איז מער ניטאָ...

מיטאַמאָל האָבן מיר דעזען און דערהערט א מחנה אוקראַאינער אין ס.ס.־קליידער מיט געווער, זיי האָבן געהירזשעט ווי די פערד, געגאָסן פלעשלעך בראָנפן אין די העלדזער און געוואַרט אַרויפצולאָזן זיך אויף אונדזערע פייגעלעך ווי די רויב־חיות... די פאָסטנס האָבן געטריבן די פרויען וואָס ווייטער פון געטאָ, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ. שטום האָבן מיר זיך אויסגעזעצט צו דער אַרבעט און דער טאָג איז אויך פאַרביי. מיר שלעפּן זיך צוריק אין געטאָ, און אָט זענען מיר דורך דעם טויער, ס'איז שוין נאַכט, פאַרוואָס איז אין געטאָ אַזוי שטיל?

די לבנה, אַ קלאָרע, אַ זאָרגלאָזע באַשיינט דאָס גאַנצע געטאָ, אָבער די געטאָ איז פּוסט, נאָר אין מיטן פון געטאָ־פּלאַץ שטייט איין בחורל און טרערן גלאַנצן אים אַנטקעגן דער לבנה. וואָס איז?! רייסט זיך אַרויס פון אַלעמענס מיילער די זעלבע פראַגע, איין וואָרט דערכאַפּן מיר פון זיין צעקרומטן יסורימדיק מויל, דאָס שרעקלעכע וואָרט „קינדער", און ווי בליץ פון הימל איז אַלץ געוואָרן קלאָר; מיין מויל האָט זיך אויפגעריסן אין דער נאַכט מיט ווילדער קראַפט, חביבה'לע!... מער האָט זיך מיין מויל נישט פאַרמאַכט, עס האָט אָפּגעהילכט אין דער פינסטערניש, און זיך אויסגעמישט מיט אַ יאָמערן פון טאַטעס, קוויטשעניש פון מאַמעס, היסטערישע געשרייען, די געטאָ האָט געוואָיעט, ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ ווילדן וואַלד, ווּ חיות ברומען אין יסורים אויף זייערע אַוועקגערויבטע קינדער. קיינער איז אויף אונדזער פאַרצווייפלטן געשריי נישט געקומען די לבנה האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעשטעלט אויף אַ ווילע און געשיינט אונדז אין די פּנימער אַריין. כ'בין אַריינגעפאַלן אין פינסטערן הייזל מיט אַ געשריי: חביבה'לע מיין קינד ווּ ביסטו?!

אַ טויטע שטילקייט אַרום מיר, קיינער ענטפערט מיר ניט, אויף אַ טאַפּטשאַן ליגט אַ טאַטע אריבערגעדעקט דעם פּנים מיט זיין היטל, אין שכנישן צימערל שטייט אַ מאַמע אויף די קני און טוליעט אַ צאַצקע פון איר קינד... און איך ליג אויף דער ערד און מיינע הענט זענען פול מיט האָר... ביים געבוירן דיך מיין קינד, האָב איך זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פון יסורים, און איצט ביים פאַרלאָזן דיך מיין קינד...

★

לידיק, שטום און פינסטער איז געבליבן דאָס געטאָ, אָפּגעריסן זענען געוואָרן די קינדערשע געלעכטערס, עלנט און פאַרלאָזט זענען געבליבן די מיסטקאַסטנס פון געטאָ, די קינדערשע שפּיל־פּלעצער, מאַמעס ליידיקע, פינצטערע און אויסגעבויגענע, אין זייער פריער יוגנט, זענען ווי שאָטנס אַרומגעקראָכן איבערן געטאָ, און זיך נישט געקענט אָנקוקן איינע די אַנדערע... ס'האָט זיך געוואָלט לויפן ביזן עק פון דער וועלט, אָבער די געטאָ מיט אירע שטעכל־דראָטן האָט פאַרצאַמט אַלע וועגן, געדריקט צוזאַמען מיטן גרונטלאָזן צער. וויי איז צו דער וועלט, און וויי צו דער מענטשהייט!... די געכט פינסטער שטיל און לאַנג, קיינער האַלט מיך ניט פעסט אַרומגענומען, קושט נישט מיינע באַקן און זאָגט מיר ניט, מאַמע ביסט אַזאַ שיינע... די נעכט, פאַרוואָס האָט מען באַשאַפן אַזוי פיל פינסטערניש? און פאַרוואָס ציט זיך דאָס אַזוי לאַנג?!...

★

אַ גרויער נאַסער פרימאָרגן, ס'קלאַפּט ווער אין טיר, כ'לויף, אפשר, א געדאַנק ווי אַ בליץ, כ'פּראַל אויף די טיר, אַ קאַלטער שפּעט אָסיענדיקער נאַסער ווינט גיט מיר אַ שמיץ אין פּנים און „זאָגט", ס'איז ניט דיין קינד, דאָס בין איך, כ'ברענגט ניט פאַר אייך קיין בשורות, שוין לאַנג ניט. ווינט, ווינט, — כ'דערמאָן זיך עפּעס אַ רוסיש מעשה'לע—אפשר ווייסטו ווּ מיין קינד איז? דו טראָגסט זיך איבער פעלדער, וועלדער, שטעט און דערפער, אפשר האָסטו איר געזען מיין בלאָנד קעפּעלע? און „ער" ענטפערט: ס'איז ניט קיין מעשה'לע, ס'איז דער ריינער אמת וועלכער „קאָכט" זיך אין בלוט!...

לאה זילבער (מאָנטרעאָל)

# אונדזערע קינדער אין געטאָ פון 1943

ס'איז ענג און קאַלט אין שטוב, כאָטש אין דרויסן איז ליכטיק און וואַרעם, כ'זיץ אויפן בעט, וואָס דינט גלייכצייטיק ווי אַ קאָמאָד פאַר זאַכן, שאַפּקע פאַר עסנוואַרג, און אָרט צום שלאָפן. דער קאָפּ איז מיר אָנגעלאָדן מיט דער שווערקייט פון ביטערניש און אויסזיכטלאָזיקייט. כ'האָב היינט געהערט אַ נייעס, פון וועלכע ס'האָט אָפּגענומען הענט און פיס און כ'האָב זיך געמוזט צוזעצן. גראָד היינט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיין איינציקע טרייסט, מיין קינד איז אַרונטערגעפאַלן פון אַ באַרג און צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך... כ'האָב דעם חלום נישט געוואָלט ענדיקן אַזוי טראַגיש און האָב... דערחלומט אויפן וואָר, דער חלום האָט מיך צעטרייסלט און כ'האָב מיטן כח הדמיון גאַנץ געמאַכט מיין קינד... כ'בין געווען וואַך, און געזוכט אַ פאַרלוירענע די באַדייטונג פון דעם שרעקלעכן חלום. ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען חביבה'לע, געקלונגען מיט איר שטימעלע ווי מיט זילבערנע גלעקלעך. דאָס גאָלדבלאָנדע קעפּל און לאָקן, די גרויסע ליכטיק ברוינע אויגן לאַכן, דאָס פנימל זיס און שוין באַצייטנס אָפּגעברענט פון זון מיט איין חן גריבעלע אין דער רעכטער בעקעלע, דאָס נעזל שמוציק, די הענטלעך פאַרשמירט, ס'קליידעלע צוריסן מיט פּאָר שיכלעך ניט אויף איר מאָס, מיין טעכטערל האָט זיך ווי אַלע געטאָ־קינדער געשפּילט אין דעם גרויסן מיטסקאַסטן פון געטאָ, און זי האָט מיר פון דאָרטן געבראַכט אַ געשאַנק: אַ גרויסן פאַרזשאַווערטן קנאָפּ...

— נאַ מאַמע! וועסט האָבן איינצונייען אין דיין מאַנטל.

אין דער אמתן בין איך שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען אָן אַ קנאָפּ... מיין טעכטערל האָט געזאָרגט פאַר מיר... און איך? ס'גייט מיר דורך אַ שוידער.

כ'נעם אַרום מיין פיר־יאָריקע פאַרזאָרגערין, און מיין האַרץ וויינט אין מיר מיט שטומען געוויין, צי ווייסטו וואָס עס לויערט איבער דיר? מיין ליכטיק בלאָנד קעפּעלע? צי פילסטו ניט וואָס פאַראַ שטורעם עס גרייט זיך פאַר דיר? דו ביסט די „שולדיקע" פון קריג, דו מיין קינד, שטערסט דאָס לעבן פון 80 מיליאָן דייטשע הינט. מיט דיר וויל מען זיך דאָס אָפּרעכענען מיט דיר, מיין איינציקע!". כ'דריק איר פעסט צו זיך, אַז זי גיט אַ קוויטש.

— מאַמע, דו וועסט דאָך מיך דערשטיקן!... און זי לאַכט דערביי אַזוי הילכיק אומשולדיק און זיס. אָ, ווען כ'קען דיך דריקן אַזוי שטאַרק ביז וואַנען איך זאָל דיר צוריק אַריינדריקן אין מיין לייב, טראָגן דיך אַ צווייטן מאָל, מיין בויך זאָל פאַר דיר אַ באַהעלטעניש ווערן, און טראָגן דיך אַזוי לאַנג ביז די זון וועט פאַר אונדז אויפשיינען מיט ווידערגעבורט און באַפרייאונג! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען דורכצומאַכן נייע חבלי לידה מיין קינד דיך פון דאָס ניי צו געבוירן, דיך!... עס איז זיכער ניט מער, ווי אַ ווילדע פאַנטאַזיע, אַזוי ווי מען ניט צוויי מאָל שטאַרבן, אַזוי קען מען צוויי מאָל ניט געבוירן ווערן.

כ'גיי אַרויס אין דרויסן, ס'איז בלאָטיק און ליימיק. אין געטאָ איז שטיל, מיין טעכטערל האָט זיך אומגעקערט, צום מיסטקאַסטן פון וואַנען ס'דערגרייכן צו מיר די געלעכטערס פון אונדזערע געטאָ קינדערלעך. פאַרוואָס זענען זייערע געלעכטערס אַזוי זאָרגלאָז? און פאַרוואָס צעטראָגט מיך דאָס פינסטערניש פון פאַרגעפיל, ווו טוט מען זיך אַהין? ווי אַנטלויפט מען פון דעם אייגענעם איך? די שטעכל־דראָטן אַרום געטאָ; דער פאַרהאַקטער טויער; דער ליטווישער פּאָסטן מיטן ביקס, גיבן אויף דעם אַן ענטפער: ס'איז ניטאָ פאַר אייך קיין פרייהייט, קיין פרייד, אַלץ וואָס קענען נאָך לאַכן וועט פון אייך אַוועקגעריסן ווערן, און איר וועט בלייבן ווי די בעלטער אין שפּעט האַרבסטיקן פאַרנאַכט, געטריבן פון רשעותדיקע ווינטן, וואַהין? דאָס ווייס נאָר גאָט אַליין...

פון ערגעץ אַ געסל לויפט אָן אַ מאַמע, זי רעדט צו זיך: „ווער ווייסט וואָס זיי ווילן טאָן"? וויי איז מיר, ווו איז מיין חיימל, מ'זאָל כאָטש זיין אין איינעם! כ'רוף מיין טעכטערל פון „שפּיל פּלאַץ", כ'האַלט איר פעסט פאַר אַ הענטל, ס'הויבן זיך אָן שיטן מאַמעס פון אַלע

---

געווען דערביי, און זיך געקילט דאָס האַרץ. און ביים דריטן מאָל איז דער צוועק אויך געווען דער זעלבער — נישט טויטן, נאָר איבערלאָזן מיט קוים אַ פונק פון לעבן, בלויז איין שינוי איז געווען ביים דריטן הענגען: דער דאָקטאָר צום ראַטעווען איז געשטעלט געוואָרן אַ ייד.

נאָכן דריטן מאָל האָט מען דעם רב געשענקט צוריק די יידן און די יידן האָבן געכאַפּט זייער הייליקן רב. און מען האָט אים געבראַכט אין לאָדזשער געטאָ און דאָ האָט מען געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף אים. אויסגעגלייכט די צעבראָכענע שטיקלעך ביינער אין האַלדז, און די צעבראָכענע גלידער. אין גאַנצן גוף און דער רב איז צוריק געשטאַנען אויף די פיס.

נאָר עס איז נישט געווען קיין גרענעץ צו דער גרויסקייט פון דער נשמה פון לאַסקער רב. ווי ער האָט נאָר געקענט זיך שטעלן אויף די פיס, האָט ער זיך גענומען רייסן צוריק קיין לאַסק, צו זיין קהילה. מען האָט אים צוגערעדט, ער זאָל בלייבן אין לאָדזשער געטאָ. אפשר וועט ער זיך קענען דאָ ראַטעווען און אפשר וואָלט ער דאָ געקענט בלייבן לעבן... אָבער ער האָט נישט געלאָזט בייגן זיין רצון — איך בין אַ רב פון לאַסק — האָט ער געטענהט, און אין עת צרה דאַרף דער רב זיין מיט זיין עדה. און ער איז אַוועק צוריק קיין לאַסק.

און אין שיינעם טאָג האָט מען ליקווידירט די יידן פון לאַסק, און הרב יהודה לייב אייזענבערג איז געווען מיט זיינע יידן ביזן סוף... אַוועקגעפירט קיין כעלמנאָ, און פאַרגאַזט. רב און רביצין און עדה אינאיינעם...

געבליבן איז אויך ווי דער נאַצי האָט געזאָגט. ער האָט דעם רב געדאַרפט פאַר אנדערע גרויסע צוועקן. און ער האָט אים און זיין ווייב אויף דער פורימדיקער תליה נישט געשיקט. די דייטשן האָבן דעמאָלט אין לאַסק זייער פורים נישט געפייערט... און געברענט האָט די רציחה אין דער וויסטער נשמה פון דעם דייטש, וואָס דער רב האָט אים גובר געווען. און ער האָט געזוכט רוצחישע נקמה. און ער האָט אַזוי צוגעטראַכט: איין טאָג האָט ער געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון לאַסק זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין מיטן מאַרק מיטן רב בראש און אַזוי איז געשען. די קהילה פון לאַסק האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן באַשטימטן אָרט אין דער באַשטימטער שעה. און דער נאַצישער קאָמענדאַנט איז דאָרט אויך געווען מיט פיל געסטאַפּאָ־לייט וואָס האָבן ארומגערינגלט די יידן.

אַלע גוים פון לאַסק זענען זיך צונויפגעקומען אויפן גרויסן חידוש. און פלוצלינג אויף אַ ווונק פון דעם נאַצישן רשע האָט אַ גלח אַרויסגעטראָגן אַ גרויסן צלם מיט דעם געקרייציקטן, און האָט עס אַוועקגעשטעלט אין מיטן פון דעם יידישן קרייז אַנטקעגן דעם געאַכפּערטן רב פון לאַסק... און דער נאַצי איז צוגעגאַנגען צום רב און מיט גזלנישער רציחה האָט ער באַפוילן דעם רב, ער זאָל פאַר די אויגן פון זיין קהילה בוקן און קניען פאַרן פרעמדן גאָט... און אַרום זענען זענען געשטאַנען אַלע יידן פון לאַסק און אַ סך גוים פון לאַסק און פון דער סביבה, און פיל געסטאַפּאָוצעס. און אַלע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן רב און דעם יוזל וואָס מען האָט געשטעלט פאַר אים, און אַלע הערצער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער גוואַלדיקער שטילקייט. יידישע הערצער אין אימה, אין פחד, גויאישע הערצער אין גראָבער נייגיריקייט, צו זען דעם גרויסן פאַרמעסט, דעם געראַנגל צווישן רב און נאַצי — צווישן ייד און גוי.

וואָס וועט דאָ געשען? וועט דער רב זיך בוקן? צי וועט ער זיך נישט בוקן. אַלץ האָט געוואַרט אין שרעקלעכער שטילקייט.

ייד האָט געוואַרט. גוי האָט געוואַרט. נאַצי האָט געוואַרט. ערד און הימל און אַלץ וואָס אין זיי האָט געוואַרט... איבערגעריסן האָט די שטילקייט, שנעל ווי אַ בליץ און מיט דער רייסנדיקער קראַכיקער פון אַ בליץ — אַ הילכיקער פאַטש, און נאָך אים, אַ צווייטער פאַטש. וואָס איז געשען, און ווי אַזוי איז עס געשען? ווען דער רב האָט זיך גערירט פון אָרט און גענומען מאַכן א שריט, וואָס גוים האָבן געמיינט, אַז דאָס מאַכט ער אַ שריט צום צלם, האָט דער רב מיט אַ פלינקער באַוועגונג פון גוף זיך אויסגעדרייט צום נאַצישן קאָמענדאַנט און האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פאַטש אין איין באַק און אַ פאַטש אין דער אַנדערער באַק. און דער גאַנצער עולם איז צעטרייסלט געוואָרן גלייך ווי אַן ערדציטערניש וואָלט אַ טרייסל געטאָן די ערד אַרום זיי...

דער נאַצישער קאָמאַנדיר, איבערראַשט, צעטומלט און פאַרשעמט האָט געמאַכט דעם איינציקן, נאַטירלעכן זשעסט פאַר אַ נאַצי — אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער.

אָט דאָס האָב איך געמיינט — שיס מיך! האָט דער רב אויסגערופן, און מיט אויסגעשטעלטער ברוסט איז ער אַרויס אַנטקעגן דעם רעוואָלווער — שיס מיך! נאָר דאָ, האָט דער נאַצי מיט שלאַנגיש כיטרער נשמה זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט דעם רב נישט אויסגעשאָסן אין האַרצן. ער האָט אים נישט צוליב געטאָן. אַ נאַצי וועט דאָך נישט צוליב טאָן אַ יידן. ער האָט אַראָפּגעשלונגען די גרויסע חרפּה, וואָס דער אומבאַזיגבאַרער ייד האָט אים אָנגעטאָן פאַר די אויגן פון יידן און גוים און אייגענע נאַצים. ווייל ער האָט געוואָלט אַן אַנדערע נקמה, אַ גרעסערע, אַ פּיינליכערע ווי שנעלער טויט. ער האָט באַפוילן דעם רב צו פאַרנעמען אין תפיסה, און דעם עולם זיך פאַנאַנדערצוגיין. און אַלץ האָט געוווסט, אַז עס איז נאָך נישט דער סוף.

דער נאַצי האָט לאַנג נישט געוואַרט. ער האָט באַפוילן צוצוגרייטן אַ תליה פאַרן רב, און האָט דעם רב באַפוילן זיך צוגרייטן צו דער תליה. און צוויי האָבן געוואַרט אויף דער תליה — רב און נאַצי, נאָר דער רב האָט רואיקער געוואַרט ווי דער נאַצי. דער נאַצי האָט נישט גערוט. ער האָט זיך שטאַרק געגרייט. געהאַלטן לאַנגע באַראַטונגען מיט תליון, און מיט דייטשישע דאָקטוירים. צו אַ גאַנץ אויסטערלישן הענגען האָט ער זיך געגרייט. ער האָט זיך געריבן די הענט פון דערוואַרטעטן נחת... ס'איז געקומען דער טאָג און די שעה פון דער תליה. און ווי אין יענעם טאָג פון צלם, אַזוי אויך היינט זענען געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע שטאָט יידן און די גאַנצע שטאָט גוים. דער רב זאָגט ווידוי. מען נעמט אים צו דער תליה, ער גייט מיט רואיקן און שטאָלצן טראָט. עס פאַרציט זיך די שטריק. דעם רבס גוף פאַלט אַרונטער אין קראַמפּן. און באַלד ווייזט זיך אַרויס די פינצטערע כוונה פון דעם נאַצי: הענגען — אָבער נישט שטאַרבן זאָל דער רב. דאָס האָט ער פריער געקנעלט מיט דעם תליון, ווי אַזוי צום הענגען און נישט דערהענגען, און דערצו האָט ער געהאַט נייטיק די חכמה און קענטעניש פון דייטשישע דאָקטוירים. בלויז אַ האַלבדערשטיקטן האָט מען דעם רב אַראָפּגענומען פון דער תליה. אַראָפּגענומען פון דער תליה און לויז געמאַכט די שטריק. דאַן האָט דער דאָקטאָר איבערגענומען דעם האַלבן בר־מינן צו אַרבעטן איבער אים, צו דערהאַלטן דאָס ביסל געבליבענע לעבן... צו וואָס? פאַר אַ צווייטע תליה. די ערשטע תליה איז געשען אַכט אַזייגער אין דער פרי. עלף אַזייגער האָט מען גענומען דעם רב צום הענגען דאָס צווייטע מאָל. אָבער דאָס צווייטע מאָל האָט מען דעם רב אויך נישט געלאָזט שטאַרבן. די אייגענע צערעמאָניע וואָס פריער, די שטריק אַרום האַלדז. אַ פאַל אַראָפּ. קראַמפּן. די שטריק אַראָפּגענומען. דער דאָקטאָר נעמט איבער דעם צוויי־דריטל בר מינן און דער דאָקטאָר דערהאַלט אים ביים לעבן... צו וואָס? כדי אים צו הענגען אַ דריטן מאָל.

דריי אַזייגער, יענעם נאָך מיטאָג, האָט מען דעם גרויסן גאון ארויפגעצויגן דאָס דריטע מאָל אויף דער תליה, און אַלע דריי מאָל איז דער נאַצישער קאָמאַנדיר

# רבי און נאַצי

**פון בוך: ווען די וועלט האָט געברענט**

אַ רב, אַ גאון, איינער פון לעצטן דור וואָס האָט געצויגן זיין רבנישן יחוס פופציק דורות, אָן איבעררייס פון פאָטער צום זון. דווקא גאָר גרויסע רבנים זענען געזעסן אויף דער רבנישער שטול אין קליינע שטעט און שטעטלעך, און אַזוי איז עס אויך געווען מיט דעם הייליקן מאַן — וואָס פון אים דערציילן מיר דאָ.

דער גאון ר׳ יהודה לייב אייזענבערג, רב פון שטעטל לאַסק אין פוילן, וואָס איז אומגעקומען דורך די נאַציישע הענט און וואָס זיין טויט איז געווען אויסטערליש, אפילו צווישן די אויסטערלישע טויטן אין חורבן פוילן.

אָנגעהויבן האָט זיך די מאַרטירערשאַפט פון דעם רב גאַנץ פרי, באַלדביים נאַציישן אָנקומען קיין פוילן. די נאַציס האָבן ארייגעלייגט א סך בייזע חכמה און צו־טראַכטן ענוים פאַר די מער געלערנטע יידן. וואָס גרע־סער דער ייד — אַלץ מער די ענוים. דער ערשטער נסיון איז געקומען דעם ערשטן פורים, ווען דאָס שטע־טעלע לאַסק איז שוין געלעגן אין די נעגל פון די נאַציס... עס קומט צו גיין דער נאַצישער קאָמענדאַנט פון לאַסק, צום לאַסקער רב און זאָגט, און דער זאָג איז באַפעל: — הער ראַבינער, מיר דייטשן ווילן היינטיקס יאָר פייערן פורים אינאיינעם מיט די יודען. אָבער מיר וועלן עס פייערן אויף דייטשישן שטייגער. מיר וועלן אויפ־שטעלן אַ פורים־תליה און הענגען יודען, און דייטשן זע־נען באַרימהערציק. יודען האָבן געהאַנגען המנס זין, צען אין צאָל, מיר וועלן הענגען בלויז צוויי יידן, און איר הער ראַבינער זאָלט אויסקלייבן די צוויי יידן. לויט אייער וואָרט זאָל עס געשען, איר וועט אונדז אָנווייזן: הענגט דעם יודן, און הענגט יענעם יודן. איך גיב אייך דריי טעג צייט...

ביים רב האָט זיך איבערגעהאַקט דער אָטעם, און נאָך אַ שווערער ווילע, ווען ער האָט דעם אָטעם צוריק געוווּנען, זאָגט ער צום נאַצישן קאָמענדאַנט, מיט אַ פעס־טער און קלאָרער שטים:

— איך דאַרף נישט קיין דריי טעג צייט. איך האָב נישט קיין סך צום טראַכטן און האָב נישט קיין סך צו קלייבן. איך האָב פאַר אייך די צוויי יידן — איינער, דאָס בין איך און דער אַנדערער — מיין ווייב. קיין אַנדערע יידן וועל איך אייך נישט געבן.

ווער קאָן זיך אויסמאָלן וואָס עס האָט געקענט פאַר־גיין אין אַ נאַצישן קאָפּ? דער נאַצי איז געבליבן געפלעפט פון דעם שנעלן ענטפער, דעם דרייסטן ענטפער, דעם אָנטשלאָסענעם און שטאָלצן ענטפער. פון דעם רבס ענט־פער האָט ער נאָר אַרויסגעברומט:

— יידישע חוצפה... ער האָט זיך שטאַרק צעביי־זערט. ווי דערוועגט זיך עס אַ יודע אַזוי צו רעדן אונטער היטלערס ממשלה! אייך הער ראַבינער דאַרף איך פאַר אַנדערע צוועקן, און אַנדערע געלעגנהייטן. אויף פורים צום הענגען דאַרף איך אַנדערע יודן און איר וועט זיי מיר צושטעלן. אַזוי האָט דער נאַצישער קאָמאַנדיר גע־זאָגט און איז ארויס פון הויז...

איבער דער קהילה פון לאַסק האָט זיך באַלד צע־שפרייט די שרעקלעכע נייעס פון דעם מערדערס פאַר־לאַנג, און דעם רבס ענטפער. און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע יללה צווישן יידן. וואָס וועט זיין, און וואָס זאָל מען טאָן?

ווען די שמועה האָט זיך פארשפרייט אין שטאָט, אַז דער רב האָט זיך אָפּגעגעבן פאַר אַ קרבן פאַר זיין קהילה, און מיט זיין אייגענעם לעבן און מיטן לעבן פון זיין ווייב וויל ער אויסקויפן דאָס לעבן פון אַנדערע צוויי יידן, האָט די קדושה זיך אָנגעצונדן אין די נשמות פון פיל יידן, און ייד נאָך ייד זענען געקומען צום רב און גע־זאָגט: רבי, גיט מיך איבער צו די רשעים פאַר אַ קרבן פאַר אייך און פאַר כלל ישראל... ביז עס זענען געווען צען אַזעלכע יידן, אַ מנין יידן וואָס זענען געקומען זיך לייגן צו דער עקידה. צי איז געווען נאָך אַזאַ הייליקער מנין ביי יידן? געבליבן איז ווי דער רב האָט געזאָגט. ער האָט קיין יידן דעם נאַצי נישט צוגעשטעלט... אָבער

* דעם דאָזיקן אויסצוג פון בוך, האָט אונדז צוגעשיקט דער לייענער א. קריוואַטיצקי

---

זענען זיי צוגעטרעטן צום ראַבעווען יידיש האָב און גוטס. דאָס געפונענע געלט און צירונג פון די לעבעדיקע און טויטע זענען איבערגעשיקט געוואָרן קיין בערלין אַלס מתנה פאַר היטלערן. גלייכצייטיק מיט אָפּציילן די צוגע־רויבטע פאַרמעגנס, איז געציילט געוואָרן די צאָל גע־הרגעטע און געפאַנגענע אין געטאָ און אויסערן געטאָ: 71 טויזנט יידישע לעבנס און צווישן זיי פיר טויזנט יידי־שע קעמפער, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַרן יידישן כבוד.

דער תלין פון וואַרשעווער געטאָ פאַן סטראָפּ איז אויפ־געהאַנגען געוואָרן דעם 6־טן מערץ 1952 אין דער מאָקאָ־טאָווער תפיסה אין וואַרשע, אין דעם וואַרשע, ווו ס׳האָבן אַמאָל געלעבט און געשאַפן די קאַלירפולסטע געשטאַלטן פון פוילישן יידנטום.

✶

מיר באַגריסן אונדזער מיטאַרבעטער פּרי יאַבלאָנסקי צום דערשיינען פון זיין בוך „יידישער ווידערשטאַנד אין נאַצי־אָקופּירטן פוילן״.

דאָס בוך פון 120 זייטן, איז דערשינען אין תל־אביב, ה״י, מיט דער מיטהילף פון המצלה פון „וועלט פאַרבאַנד פון יידישע קעמפער, פּאַרטיזאַנער, קאַצעטלער״.

ווען דאָס בוך וועט אָנקומען קיין מעלבורן, וועלן מיר געבן אַ ברייטע אָפּשאַצונג.

**די רעדאַקציע**

„יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", און די גרופּן וועלכע זענען געווען זעלבסשטענדיק, האָבן אַלע קעמפער געהאַט איין ווילן — קעמפן ביז דער לעצטער קויל און טייער פאַרקויפן זייער לעבן.

ערב פּסח, דעם 19־טן אַפּריל 1943 זענען אַלע קאַמפּס־גרופּן געווען גרייט אויפצונעמען מיט פייער די אויסזידלונגס־קאָמאַנדאָס, וועלכע זענען געקומען אָפּרייניקן דעם געטאָ פון יידן און איבערפירן זיי קיין טרעבלינקע.

ווען די יידישע קאַמפּס־גרופּן האָבן אויפגענומען די נאַציס מיט אַ האָגל פון קוילן און אַ ים פון פייער — האָבן די „העלדן" שנעל פאַרלאָזט דאָס געטאָ, איבערלאָזנדיק זייערע געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. די נאַציס האָבן זיך נישט געריכט, אַז די אויסגעמאַטערטע און טעראָריזירטע יידן, וועלן זיי אָנגרייפן, און שפּעטער שטעלן אַזאַ העפטיקן ווידערשטאַנד. פאַר די געסטאַפּאָ־פירער האַהן און פישער, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער לעצטער ליקווידאַציע, איז דער יידישער באַוואָפנטער אַרויסטריט, געווען ווי אַן ערד־ציטערניש. זייערע אינפאָרמאַטאָרן אין געטאָ, וועלכע האָבן זיי נישט דערטראָגן וועגן די באַוואָפנטע צוגרייטונגען זענען באַלד געוואָרן דערשאָסן. דאָס ליקווידירן אין דער ריכטיקער צייט די געסטאַפּאָ אינפאָרמאַטאָרן, האָט אויף די איבעריקע אָנגעוואָרפן אַ שרעק, און זיי האָבן מער ניט אינפאָרמירט זייערע ברויט־געבער. די נאַציס האָבן אין די ערשטע דריי טעג געליטן אַ גרויסע מפּלה. ערשט ווען אין גרויס איילעניש איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער גענעראַל פאָן סטראָפּ, צוזאַמען מיט גרויסע עס.עס.־אָפּטיילונגען, אויסגעשטאַט מיט טאַנקן, אַרטילעריע און געפּאַנצערטע אויטאָס, איז די לאַגע פון די קעמפנדיקע יידישע איינהייטן געוואָרן פאַרערגערט. פאָן סטראָפּ איז געווען זיכער, אַז דער פּוילישער אונטערגרונט וועט אונטערשטיצן די יידישע אַקציע, און געמיינזאַם קעמפן קעגן שונא. פאַר דעם פּוילשן אונטערגרונט איז דער אויפשטאַנד אין געטאָ און די מפּלה וואָס די דייטשן האָבן געליטן אין די ערשטע טעג פון די קאַמפן געווען אַן איבערראַשונג. די אונטערשטיצונג איז נישט געקומען פון דער פּוילישער זייט, ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז יידן וועלן קענען אין אַזאַ קורצער צייט, מיט ווייניק געווער אויסשולן און באַוואָפנען די קעמפער, אין אַזאַ פאַרנעם, אַז זיי וועלן זיין בכוח אַנטקעגנשטעלן זיך די נאַציס.

פאָן סטראָפּ איז אויך געווען זיכער, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג וועט העלפן די יידן וועלכע וועלן זיך אַרויסקריגן פון אונטערגייענדיקן געטאָ.

צום באַדויערן איז דער פּוילישער אונטערגרונט און די פּוילישע באַפעלקערונג געווען טויב און שטום אויף די יידישע רופן וועגן הילף. דעריבער האָבן די איינהייטן פון גענעראַל פאָן סטראָפּ געקאָנט אָן שטערונגען צוטרעטן צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון געטאָ. עס איז באַקאַנט, אַז פאָן סטראָפּ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די שאָפּן און פאַבריקן אין געטאָ ווו יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, זאָלן נישט ווערן פאַרברענט. יידישע קאַמפּס־איינהייטן וועלכע זענען געצוווּנגען געוואָרן, דורך העפטיקע אַטאַקעס צוריקצוציען זיך פון די שאָפּן — האָבן די שאָפּן אַליין פאַרברענט, אונטערגעצונדן די מאַגאַזינען און פאַרניכטעט די מאַשינען.

יידישע פרויען האָבן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט, צי דאָס איז געווען מיט דער ביקס אין דער האַנט, צי ביים דערטיילן די ערשטע הילף צו פאַרוווּנדעטע. די יונגע מיידלעך זענען געווען די „סנייפּערס" וועלכע האָבן געשאָסן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס צו די דייטשן. ווען זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן און נישט געהאַט מער קיין קוילן — האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן — און מיט גראַנאַטן אויפגעריסן זיך מיט די דייטשן. די צוויי פענער — די פּוילישע און די ישׂראלדיקע — וועלכע האָבן געפלאַטערט איבערן געטאָ — און די נאַציס האָבן זיי געוואָלט אַראָפּנעמען — האָבן זיי דערפאַר באַצאָלט אַ טייערן פּרייז. די יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן באַוואַכט די פענער, האָבן אַראָפּגעשאָסן פיל דייטשן, וועלכע האָבן געוואָלטן אַראָפּנעמען די פענער. ווען אין געטאָ האָט די צאָל טויטע דערגרייכט אין די טויזנטער, האָבן די דייטשע סאָלדאַטן אָנגעהויבן צו דעזערטירן פון געטאָ אַלס מורא פאַר עפּידעמיעס און דער שטינקנדיקער לופט. פאָן סטראָפּ האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז די געכאַפּטע יידן זאָלן אָפּרייניקן דאָס געטאָ פון די טויטע און איבערפירן זיי אויפן גענשער בית־עולם. צוזאַמען מיט די טראַנספּאָרטן פון די טויטע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן זיי פיל יידן און אַזוי זיך געראַטעוועט אויף אַ געוויסער צייט.

פון 19־טן אַפּריל ביזן 16־טן מאי זענען די קאַמפן אין געטאָ, פאָרגעקומען אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. שפּעטער זענען די קאַמפן געוואָרן קלענער, ווייל די נאַציס איז געלונגען צו כאַפּן און אַרויסשיקן קיין טרעבלינקע 38.500 יידישע מענער, פרויען און קינדער. דעם 16־טן מאי 1943 האָט פאָן סטראָפּ געפייערט דעם זיג איבערן קעמפנדיקן געטאָ. אין דעם טאָג איז מיט גרויס פּאַראַד און אָנוועזנהייט פון הויכע עס.עס.־אָפיצירן אויפגעריסן געוואָרן די טלאָמאַצקע סינאַגאָגע. עטלעכע טעג נאָך דער געשעעניש, ווערן די קאַמפן אין געטאָ באַנייט, דאָס מאָל מיט אַנדערע מעטאָדן — ס'אַנטשטייען קליינע גרופּן פון „נאַכט פּאַרטיזאַנער", אַזוי האָבן די נאַציס גערופן די קעמפער, וועלכע זענען ביינאַכט באַפאַלן די עס.עס.־איינהייטן אין געטאָ. פאַר די עס.עס.־איינהייטן איז נאָך פאַרבליבן דאָס ליקווידירן די בונקערס אין וועלכע אַ גרויסע צאָל יידישע משפחות האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אַ סך פון די בונקערס זענען געווען אַזוי פאַרמאַסקירט, אַז דאָס אויסגעפינען זיי האָט געקאָסט די עס.עס. אַ סך בלוט און ענערגיע. דאָס אויסגעפינען און אויפרייסן די בונקערס האָט נאָך געדויערט אַ לאַנגע צייט — ביזן חודש יוני. צוזאַמען האָבן די עס.עס.־איינהייטן פאַרניכטעט 631 בונקערס. ס'איז שווער צו באַנעמען ווי יידן אין די טראַגישע געטאָ־באַדינגונגען, האָבן אויפגעבויט אַ נעץ פון אונטערערדישע וווינונגען, וועלכע זענען געווען פאַרזאָרגט מיט עסן און וואַסער אויף אַ לענגערער צייט.

ווען די אויסזידלונגס־קאָמאַנדאָס האָבן מיט פייער און גאַז אויסגערויכערט די לעצטע יידן פון זייערע בונקערס,

וו. יאַבלאָנסקי

# דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

דאָס יאָר פאַלט אויס דער 36־טער יאָרטאָג פון העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין אַלע לענדער ווו ייִדן לעבן וועט מען דאָס יאָר דערמאָנען די העלדן און מאַרטירער, וועלכע האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן געוואַגט באַוואָפנט ארויסצוטרעטן קעגן דער בעסטיע — נאַציזם.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט צוגעגעבן מוט און כוח די ייִדן פאַראורטיילטע צום טויט אין די פאַרניכטונקס־לאַגערן פון טרעבלינקע, סאָביבאָר און אוישוויץ, ווי אויך דערמוטיקט אַנדערע לאַגערן און געטאָס נקמה צו נעמען אין די מערדער פון אונדזער פאָלק.

ס'איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אויפגעקלערט געוואָרן, ווי אַזוי האָבן ייִדן אין פערטן יאָר פון דער מלחמה, איזאָלירטע אין די געטאָס, פאַרצווייפלטע אין די לאַגערן, אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, אָן וועלכע ס'איז הילף פון די פאַרצווייגטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, געהאַט דעם ווילן און די קאַמפס־גרייטקייט אַרויסצוטרעטן קעגן אַ מעכטיקן שונא.

ס'איז אָפיציעל באַקאַנט, האָבן אין וואַרשעווער געטאָ, קורץ פאַרן אויפשטאַנד געלעבט 60 טויזנט ייִדן, פאַקטיש זענען אין געטאָ געווען א סך מער ייִדן, וועלכע האָבן נישט באַקומען קיין ברויט־קאַרטן, און נישט געאַרבעט אין די דייטשע שאָפּן און פאַבריקן, זייער ציפער איז געווען איבער 70 טויזנט.

ביי דער ענדע פון 1941 האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ, דערהאַלטן פון זיכערע קוועלן אַ ידיעה, אַז טויזנטער ייִדן ווערן טעגלעך פאַרגאַזט אין לאַסט־אויטאָס אין לאַגער כעלמנאָ. שפּעטער איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין דער דאָרטיקער קירכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן גאַז־קאַמערן. ס'איז אויך באַקאַנט געוואָרן וועגן אַ פאַל, ווען ייִדן זענען געטריבן געוואָרן אין דער קירכע צום פאַרגאַזן, האָבן זיי מיט זיך מיטגעשלעפּט 25 עס.עס.־מענער, וועלכע זענען צוזאַמען אומגעקומען מיט די ייִדן. דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין עטלעכע געטאָס האָבן באַשלאָסן זיך צו באַוואָפענען, און קעגנשטעלן זיך מיט אַלע מיטלען די פּלענער פון נאַציזם, אויסצוראָטן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

ערשט נאָך דער ערשטער אויסזידלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין געטאָ וואַרשע, ווו די צאָל ייִדן האָט באַטראָפן איבער 300 טויזנט, זענען די אָרגאַניזאַציעס ענערגיש צוגעטראָטן צו פאַרשאַפן זיך געווען און אויסשולן זייערע מיטגלידער. אַן איבערמענטשלעכע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין אַ קורצע צייט ביז ס'זענען אַנטשטאַנען פאָלגנדע פאַרטייען: „בונד", פּ.פּ.ר., ציוניסטישע גרופּן, די „ייִדישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע"; גלייכצייטיק איז אויך אַנטשטאַנען אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון עטלעכע רעוויזיאָניסטישע גרופּן. זייער שטאַב האָט זיך געפונען אויף מוראַנאָווסקי 7. די אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אין זייערע רייען אַ גרויסע צאָל געוועזענע מיליטערלייט, און אַ קליינע גרופּע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, וועלכע זענען נאָך פאַר דער מלחמה, צוגעגרייט געוואָרן דורכן פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום אויסצושולן קעמפער קעגן די ענגלענדער אין פּאַלעסטינע.

ווען אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איטענסיווע צוגרייטן זיך צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, זענען די אַרבעטער אין די שאָפּן ווו ס'זענען געווען באַשעפטיקט טויזנטער מענטשן, מיט דער מיטהילף פון די שוין עקזיסטירנדיקע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעהויבן זיך באַוואָפענען, און אין די הייזער ווו זיי האָבן געוווינט, געשולט מיליטערישע קאַדרן. גלייכצייטיק האָבן די אַרבעטער אין די שאָפּן אָנגעהויבן בויען בונקערס — סאַניטאַרע פונקטן. לײדער איז אונדז ווייניק באַקאַנט די נעמען פון די וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די קאַמפן אין די שאָפּן. איינס איז באַוווסט, אַז יוסף קאַפּלאַן, וועלכער איז ווייניק באַקאַנט אין דער חורבן ליטעראַטור האָט געשפּילט אַ גרויס ראָל אַלס קאָמענדאַנט און איז געפאַלן ווי אַ העלד.

די פאַרבינדונג צווישן די פאַרשידענע קאַמפס־גרופּן איז געווען אַ לויזע. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די שאָפּן און פאַבריקן זענען געווען אָפּגעריסן און באַשטאַנען פון באַזונדערע אינדזלען.

די ערשטע וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די זאָנדערקאָמאַנדאָס, וועלכע זענען געקומען ליקווידירן די שאָפּן און די אַרבעטער אריבערפירן קיין טראַווניקי אָדער פּאָניאַטאָוואַ זענען געווען פון שולצס שאָפּ. מיט די קאַמפס־איינהייטן פון די שאָפּן האָבן די נאַציס געפירט די שווערסטע קאַמפן. זיי האָבן נישט געוואָלט אונטערצינדן די שאָפּן, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט ייִדישע הייזער. די נאַציס האָבן געוואָלט אָפּראַטעווען פון די שאָפּן די רויִשטאָפן און מאַשינען ווי אויך די פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען.

די קאַמפס־גרופּן אין געטאָ וואַרשע, די — וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין דער קאָמענדאַטור פון דער

---

אָן אַ שום באַדייטונג. עס איז פּונקט ווי אַן אינסטרומענט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

די נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון געדענקען לייגט אויף אונדז אַרויף דעם חוב צו פאַרשפּרייטן די הונדערטער טויזנטער דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס און מיקראָפילמען און פילמאָטעקן. זיי דאַרפן זיך געפינען אין יעדער נאַציאָנאַלער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אויף דעם גאַנצן ערדקיילעך. ווען מיר זאָגן געדענקען, ווילן מיר מער אַקטיווע טעטיקייט צו פאַרמיידן, פון תשכח, כדי נישט צו פאַרגעסן."

מיין אויסטייטש איז, אַז דער גרויסער נס איז באַשטאַנען אין דעם צייט־פּאַקטאָר פון מודיעין. דער רעוואָלט פון די חשמונאים איז אויסגעבראָכן אין דער ריכטיקער צייט, קוקנדיק פון אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

צווישן די דריי גריכישע דינאַסטיעס, וואָס האָבן זיך פאַרטיילט מיט דער ירושה נאָכן טויט פון אלעקסאַנדער דעם גרויסן, האָט די גריכיש־סירישע דינאַסטיע פון אַנטיאָכוס דעם פערטן געשטרעבט צו פאראייניקן מיט כוח די פריערדיקע אימפּעריע. אין 168 פ. ק. האָט אַנטיאָכוס אַריינמאַרשירט (דורך ארץ ישראל) קיין מצרים, ווּ ס׳האָט געהערט די גריכיש־פּטאָלאָמעאישע דינאַסטיע. אַנטיאָכוס האָט געלאַגערט פאַר דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, ווען פּלוצים האָט זיך באַוויזן אַ דעלעגאַציע פון רוים פאַר דעם טויער פון לאַגער. די שומרים פון טויער האָבן קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַ שטאָט רוים, אָבער אַנטיאָכוס האָט שוין יאָ געהערט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז די רוימישע לעגיאָנען האָבן צעשמעטערט די אַרמייען פון דער גריכיש־מאַצעדאָנישער דינאַסטיע (אין דער שלאַכט פון פּידנאַ). ווען די רוימישע דעלעגאַציע איז געשטאַנען פאַרן געצעלט פון אַנטיאָכוס, האָט דער הויפּט־דעלעגאַט אָנגעצייכנט מיט אַ שטעקן אַ קרייז אין זאַמד ארום דעם פּלאַץ, ווּ אַנטיאָכוס איז געשטאַנען. דער דעלעגאַט האָט געפאָדערט פון אנטיאָכוסן אַ דעציזיע, איידער ער וועט איבערשפּרייזן דעם קרייז. אַן ענטפער אויף דעם רוימישן אולטימאַטום, אַז אנטיאָכוס זאָל תיכף פאַרלאָזן דעם מצרישן באָדן. אנטיאָכוס האָט אראָפּגעשלונגען די בושה און פאַרארדנט דעם ריקצוג. אויפן וועג א היים האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס צו די יידן. דעמאָלט איז דער רעוואָלט אויסגעבראָכן.

דער רעוואָלט אין מודיעין איז אויסגעבראָכן, ווען אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ נייע גרויסמאַכט (רוים), וואָס איר ציל איז געווען צו צוימען און שפּעטער צו באַהערשן די גריכישע גרויסמאַכט. אין דעם געראַנגל צווישן די צוויי גרויסמאַכטן פאַר דעם „באַלאַנס אָף פּאַוער" אין דעם געביט, וואָס מ׳רופט היינט מיטעלער מזרח — איז באַשטאַנען דער נס פון מודיעין. אינעם דריטן יאָר פונעם אויפשטאַנד דעם 26־טן טאָג אין כסלו האָבן די חשמונאים אָנגעצונדן די הייליקע מנורה, אָבער 29 יאָר שפּעטער האָט אנטיאָכוס דער זעקסטער ווידער אריינמאַרשירט קיין ארץ ישראל, באַלאַגערט און איינגענומען ירושלים. די סכנה איז געווען גרויס, אָבער ווידער האָבן זיך באַוויזן די רוימער (ווי אַמאָל פאַר דער שטאָט אלעקסאנדריע) און געצווּנגען די גריכן צו פאַרלאָזן דעם באָדן פון ארץ ישראל איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

אין דער גרויסער מלחמה קעגן דער רוימישער אימפּעריע 238 יאָר נאָך מודיעין, איז מער נישט געווען די קאָנקורענץ צווישן גרויסמאַכטן פאַרן „באַלאַנס אָף פּאַוער". ס׳האָט געהערשט אין דער וועלט נאָר איין גרויסמאַכט: רוים. דערפאַר האָט די העלדישקייט פון די יידישע אַרמייען נישט געהאָלפן. דער צייט־פּאַקטאָר איז נישט געווען גינסטיק פאַר די יידן. דער סוף איז געווען — חורבן בית שני. די זעלבע סיטואַציע האָט געהערשט אין דעם פּעריאָד פון בר ככבא־אויפשטאַנד. אגב, ר׳ עקיבה, דער גרעסטער גייסטיקער ריז פון יבנה אין בני ברק האָט וואַרשיינלעך געשטיצט בר כוכבא צוליב די זעלבע סיבות פאַר וועלכע מתתיהו האָט אויפגעהויבן דעם רעוואָלט אין מודיעין (דאָמיטיאַנוס האָט געוואָלט ארויפצווינגען דעם העלעניסטיש־רוימישן קולט און אָפּשאַפן די יידישקייט און האַדריאַן איז נישט געווען בעסער).

ווען מען לערנט ווייטער דעם זעלבן פּשט, קאָן מען ציען דעם זעלבן פאָדעם צום נס פון 1948 — דאָס ווידערגעבורט פון מדינת ישראל. די קאָנקורענץ פון די גרויסמאַכטן און זייער געראַנגל פאַרן „באַלאַנס אָף פּאַוער" איז געווען פון גאָר גרויסער באַדייטונג. דער דאָזיקער פאָדעם ציט זיך ווייטער...

★

די סימבאָליק פון מסדה, מודיעין, וואַרשע פאַרמאָגט אין זיך היסטאָרישע אָנווייזונגען.

די סימבאָליק פון מודיעין פאַרשטאַנען אין אַלע אירע אַספּעקטן דאַרף שיינען פאַר אונדז אַלס וועגווייזער, ווי דער עמוד השחר (דער מאָרגן שטערן).

אין דער סימבאָליק פון מסדה און וואַרשע שטאָלצירן מיר מיט דער העלדישקייט וואָס רעפלעקטירט די צוויי שטעט, אָבער גלייכצייטיק זאָגן מיר „עס טאָר זיך נישט איבערחזרן".

דער יום השואה איז אַ געדענק־טאָג. געדענקען דעם חורבן בכדי צו פאַרזיכערן דעם „קיינמאָל מער".

געדענקען איז פאַרבונדן מיט זכרון. זלמן שניאור האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אַ זכרון ביי אַ יחיד איז אַ טאַלאַנט. דער זכרון פון אַ פאָלק איז די אחריות פון איינעם פאַל אַלע און פון אַלע פאַר איינעם.

אַ פאָלק וואָס געדענקט נישט, האָט נישט קיין זכות־הקיום. קען נישט באַווייזן זיינע רעכט און פאָדערן סאַטיספאַקציעס פאַר די וועלטלעכע עוולות.

די גיפטיקע אַנטיסעמיטישע בריוו, וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין דעם ערנסטן מעלבורנער „איידזש" זענען אַ באַווייז, אַז די נישט יידישע וועלט וויל נישט געדענקען. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם „ראַט פאַר ציווילע פרייהייטן" אין וויקטאָריע, פאַרשפּרייט אין נאָמען פון „פרייהייט פון וואָרט" דאָס בוך פון בוץ „די אַפּערע פון 20־טן יאָרהונדערט", וואָס לייקנט שטיין און ביין, אַז ס׳זענען אַמאָל געווען גאַז־קאַמערן: יידן האָבן דאָס אויסגעטראַכט צו באַגרינדן די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און אויסצופּרעסן געלטער פון די דייטשן. אַ צעטומלטער (וואַרשיינלעך יונגער) לייענער פאַרלאַנגט פונעם ציוניסטישן ראַט ער זאָל אויפקלערן און באַווייזן צי ס׳איז טאַקע אמת, אַז 6 מיליאָן יידן זענען אומגעקומען.

מילא, די נישט יידן, ספּעציעל דער יונגער דור געדענקט נישט. די אַנטיסעמיטן ווילן אָפּלייקענען דעם חורבן און גלייכצייטיק באַשמוצן די יידן.

אָבער צי מיר יידן, געדענקען? וואָס הייסט געדענקען? געדענקען אליין איז אַ פּאַסיווער רעפלעקס פון זכרון

מסדה סימבאָליזירט די פּערזענלעכע עקדה, דעם פּערזענלעכן קרבן עולה אין פרייהייט־קאַמף קעגן שקלאַפעריי.

דזשאָנסטאָון רעפלעקטירט די דעקאַדענץ פון 20־טן יאָרהונדערט, אַן אידעענלאָזער יאָרהונדערט פון צעבראָכענע געטער. די נאָבעלע אידעען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט זענען פאַרשוווּנדן מיט דעם רויך פון די גאַז־קאַמערן און דערטרונקן אין די בלוטיקע בלאָטעס פון די גולאַג שקלאַפן־לאַגערן. אַזאַ צושטאַנד עפנט ברייט די פעלדער פאַר פסעודאָ רעליגיעזע שאַרלאַטאַנען־שווינדלער. זיי נאַרן אריין און פאַנגען די זאַטע קערפּערס, מיט אויסגעלידיקטע נשמות. די מידע מענטשן, אַנטוישטע פון דער וועלט, טראַנספערירן צו דעם שאַרלאַטאַן נישט נאָר זייער פאַרמעגן, נאָר אויך זייער ווילן, זייער אידענטיטעט. ווען דער פאַרברעכערישער שווינדל איז אויפגעדעקט געוואָרן, נעמט דער שאַרלאַטאַן מיט זיך זיין ווילנלאָזע געמיינדע צום זעלבסטמאָרד.

דווקא צו דזשאָנסטאָון קענען זיך באַציען די ווערטער פון ביאַליק: (אין פרייער איבערזעצונג) „זינלאָז איז געווען זייער לעבן, זינלאָז איז געווען זייער טויט, נישט וויסנדיק צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר וועמען”...

מיט עטלעכע יאָרן צוריק זענען אין פּראָצעס פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען געפונען געוואָרן די ביינער פון די פאַרטיידיקער פון מסדה. די ישראל־ארמיי האָט די ביינער געבראַכט צו קבר ישראל מיט דעם כבוד, וואָס געהערט העלדן געפאַלן אין קאַמף פאַרן פאָלק און לאַנד. — די ביינער פון די דזשאָנסטאָון קרבנות געהערן לויט דער ידישער טראַדיציע הינטער דעם פּאַרקאַן...

✶

חיים לאַזאַר האָט זייער טרעפלעך פאַרגליכן מסדה מיט וואַרשע. דער העברעישער אָרגינאַל פון בוך „מוראַנאָווסקע 7” טראָגט דעם נאָמען „מצדה של וארשע”. ווייל חיים לאזאר, דער פאַרטיזאַנער־העלד און ערלעכער היסטאָריקער האָט פאַרשטאַנען, אַז די סימבאָליק פון מסדה איז נישט געווען דער מאַסן זעלבסטמאָרד, נאָר דער אויסזיכטלאָזער קאַמף פון מענטש, קעגן בעסטיאַליטעט וואָס פאַרשוועכט און צעשטערט די מענטשהייט. יידן באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, אַלטע ביקסן און בענזין־פלעשלעך קעגן דער דייטשער מיליטערישער מאַשין מיט טאַנקען, אַרטילעריע „האָבן אויסגעקליבן טויט ליבער ווי שקלאַפעריי”... (פון אליעזר בן יאר'ס רעדע).

מיט דער צייט האָט זיך די היסטאָרישע סימבאָליק פון „וואַרשע” אויסגעברייטערט. דער יאָרצייט־טאָג פון דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד איז אָנגענומען געוואָרן אַלס דער יום השואה, דער געדענק־טאָג פון דעם אומקום פון יידנטום אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט, ווייל די העלדישקייט פון די מיליאָנען קדושים איז נישט קלענער ווי די גבורה פון די גבורים.

## מסדה און מודיעין

די צייט — 168 פ.ק. ארץ ישראל געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון דער סיריש־גריכישער דינאַסטיע — סעלעאוקוס. דער קעניג אַנטיאָכוס, צוזאַמען מיט די יידישע אַסימילאַטאָרן - העלעניסטן שטרעבן אָפּצושאַפן די יידישע רעליגיע און קולטור און אַרויפצווינגען אויף די יידן די גריכישע רעליגיע און קולטור. ס'דראָט דער אונטערגאַנג פון יידן אַלס פאָלק. — דער פלאַם פאַר רעוואָלט קומט פון אַ קליין שטעטל מודיעין. דאָס ווינשטעטל פון מתתיהו בן יוחנן כוהן גדול חשמונאי און זיינע פינף זין.

דער חשמונאים'ס רעוואָלט איז געווען גלייכצייטיק קעגן די גריכישע פאַרפאָלגער און קעגן די יידישע העלעניסטן.

ס'איז איצט נישט וויכטיק די פלוגתא צי דער רעוואָלט האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ בירגער־קריג אין וועלכן די יידישע העלעניסטן האָבן אריינגעצויגן די גריכן, אָדער קעגן די גריכן (מלכות יון הרשע), וואָס האָבן גענאָסן די הילף און שטיצע פון די יידישע העלעניסטן.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז די חשמונאים האָבן אויפגעהויבן זייער רעוואָלט פאַר פרייהייט פון רעליגיע און נישט פאַר מלוכהשע סוווערעניטעט, אָבער דער רעזולטאַט פון אויפשטאַנד און די מלחמות, וואָס האָבן געדויערט אַן ערך 30 יאָר — האָט איבערגעשטיקן די ערשטע צילן און האָפענונגען פונעם רעוואָלט. די חשמונאים האָבן דערגרייכט נישט נאָר רעליגיעזע פרייהייט, נאָר אויך פולע מלוכהשע סוווערעניטעט.

דער נצחון איז געווען גורלדיק פאַר דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק. דער בריטישער פילאָזאָף בערטראַנד ראַסעל, אָפּשאַצנדיק דעם היסטאָרישן פעריאָד האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ווען די קריסטלעכע וועלט וואָלט געווען ערלעך צו זיך אַליין, וואָלט זי באַדאַרפט פייערן חנוכה אַלס דעם גרעסטן יום־טוב, ווייל ווען דער רעוואָלט פון די חשמונאים וואָלט דערשטיקט געוואָרן, וואָלט דאָס יידישע פאָלק און די יידישע רעליגיע אונטערגעגאַנגען 168 יאָר פאַר דעם געבורט פון יעזוס קריסטוס און ממילא וואָלט נישט געווען קיין קריסטלעכע רעליגיע און די אַזוי גערופענע קריסטלעכע ציוויליזאַציע”.

לויט דער יידישער טראַדיציע ווערט דער רעוואָלט פון מודיעין באַצייכנט מיט די ווערטער: נס גדול היה שם.

איך האָב אָפּט געטראַכט וועגן די סעקולערע אומשטאַנדן אַרום דעם גרויסן נס (נס — איז אַ ריין רעליגיעזער באַגריף). ס'גריבלט די פראַגע: פאַרוואָס זענען די חשמונאים געווען דערפאָלגרייך אין זייער אויפשטאַנד קעגן די גריכן, און די מלחמה קעגן רוים 238 יאָר שפּעטער האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם חורבן בית שני? יהודה מכבי און זיינע ברידער זענען נישט געווען קיין גרעסערע מיליטערישע העלדן ווי שמעון בר גיורא, יוחנן בן לוי, אליעזר בן יאיר א. אנד. די רעקרוטן פון די מכבייער זענען געווען פרימיטיוו אין פאַרגלייך מיט די דערפאַרענע סאָלדאַטן פון די יידישע אַרמייען, וואָס האָבן געקעמפט קעגן רוים. די בעסערע קוואַליטעט פון די רוימישע לעגיאָנען אין פאַרגלייך מיט די גריכן פאַרענטפערט נישט דאָס רעטעניש. רוים איז געווען ווייט און די היים פון די גריכישע הערשער איז געווען סיריע.

נעט געקאָנט געפֿינען האַנס גלאָבקע — איינער פֿון די שעפֿער פֿון די נירנבערגער „ראַסן־געזעצן“, וועלכע אייכמאַן האָט באַצייכנט אַלס דער באַזיס פֿאַר דורכפֿירן די „ענטגילטיקע לייזונג“.

מיר דערוויסן זיך אויך, אַז אין לודוויקסבורגער צענטראַלן אויספֿאָרשונגס־אַמט, געפֿינען זיך 1 מיליאָן קאַרטאָטעקן פֿון נאַצי־פֿאַרברעכער. פֿון 10 טויזנט אויספֿאָרשונגען זענען געווען נישט מער ווי 560 פֿאַרמשפּטע.

אין בערלינער דאָקומענטן־צענטער געפֿינען זיך 30 מיליאָן נאַצי־דאָקומענטן. צווישן זיי — קאַרטאָטעקן מיט גענויע פֿאַקטן וועגן 600.000 ס.ס.־לייט און אָפֿיצירן, וועלכע מען שטויבט אפֿילו נישט אָפּ.

און אויב דאָס יורידישע חוזק־שפּיל אין גערעכטיקייט איז נאָך נישט פֿולקאָם — וועט דעם 1טן יאַנואַר 1980 אַריינגיין אין קראַפֿט דער טרויעריק באַרימטער „סטאַטוט פֿון לימיטאַציע“, וואָס אין פּשוטן מאַמע־לשון מיינט עס — אַז אַלע נאַצי־פֿאַרברעכער, וועלכע לעבן היינט פֿאַרבאָרגן ווי מייז אין די לעכער, וועלן זיך באַווייזן אויף דער אויבערפֿלאַך, און וועלן באַטראַכט ווערן ווי אָנשטענדיקע בירגער.

מיט איין ציק פֿון דער פֿען, וועט ביי 6 מיליאָן ייִדישע קרבנות און מיליאָנען קרבנות פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אומגעבראַכטע דורך דער נאַצישער מאָרד־מאַשין, אָפּגענומען דאָס רעכט און די מעגלעכקייט פֿון פֿאָדערן גערעכטיקייט.

די ישׂראל־רעגירונג; די קאַצעטלער־פֿאַרבאַנדן, די ייִדישע קהילות אין דער וועלט זענען דערווייל די איינציקע וואָס פּראָטעסטירן קעגן אָט דעם אומדערהערטן, שענדלעכן געזעץ.

אויב די אַליאירטע האָבן גאָרנישט געטאָן צו פֿאַרזיכערן, אַז מערדער, פּייניקער, סאַדיסטן אין נאַצי־מונדירן זאָלן דאַרפֿן אָפּגעבן אַ חשבון פֿאַר זייערע מעשׂים און קריגן די געהעריקע שטראָף דאַן — ווען דייטשלאַנד איז געלעגן אין חורבות — טאָ וואָס קאָנען מיר שוין דערוואַרטן היינט — ווען דייטשלאַנד איז שוין ווידער געוואָרן אַ וועלט־מאַכט?

★

שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ און פֿאַראייניקן זיך אין זכרון מיט אונדזערע נאָענטסטע אין טאָג פֿון דער סימבאָלישער דאַטע, פֿאַר אונדזער גייסטיקן לייכט־טורעם — דער אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ. מיר פֿילן: מיר וועלן טראָגן דעם טרויער און די מאָנונג אין דער אייביקייט, ווי אַ פֿאָלק. אַ מאָנונג און אַ וואָרענונג: געדענקט!

אפֿשר וועט די טראַכטנדיקע מענטשהייט סוף־כּל־סוף דערהערן דעם רוף און די וואָרענונג אין דעם געהעריקן מאָמענט — איידער זי וועט ווערן אוממעכטיק אַנטקעגנצושטעלן זיך דער כוואַליע פֿון רויער, הפֿקרדיקער קראַפֿט וואָס נעמט ביסלעכווייז פֿאַרשווענקן דער וועלט.

מ. א.

דר. מ. פּערשטענדיק

# די סימבאָליק פֿון שטעט

נעמען פֿון שטעט, ווי דזשאָנסטאַון, מסדה, וואַרשע, מודיעין א. א. זענען אריין אין געשיכטע ווי סימבאָלן. פֿאַרשטייט זיך, די סימבאָלן רעפֿלעקטירן פֿאַרשידענע היסטאָרישע געשעענישן פֿון פֿאַרשידענע פּעריאָדן, פֿון גרעסערער און קלענערער באַדייטונג. — זייער אָפֿט איז דער פּשט וואָס קאָמענטאַטאָרן לערנען פֿון דער סימבאָליק — פֿאַלש.

נאָך דעם גרויזאַמען מאַסן־זעלבסטמאָרד פֿונעם גאַנצן ישוב אין דזשאָנסטאַון (גויאַנאַ) — אַן ערך 940 מענטשן, האָבן כמעט אַלע קאָמענטאַטאָרן, זשורנאַליסטן, פּסיכיאַטאָרן, פּסיכאָלאָגן, פֿאַרגליכן דזשאָנסטאַון מיט מסדה. דער פֿאַרגלייך איז פֿאַלש, אומווירדיק, ממש אַ חילול השם.

מסדה איז געווען די לעצטע מיליטערישע פֿעסטונג (מצודה) אין דער מלחמה מיט דער רוימישער אימפּעריע. דאָס בית המקדש פֿאַרברענט, ירושלים אַ חורבה. ייִדישע קריגס־געפֿאַנגענע און מאַסן פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג פֿאַרשלעפּט אין קייטן צו די שקלאַפֿן־מערק אין דער רוימישער אימפּעריע. יודעאַ קאַפּטאַ!... די מטבע „יודעאַ קאַפּטאַ“, וואָס וועספּאַסיאַן האָט אַרויסגעלאָזט לכּבוד דעם טריומף איבער ירושלים, סיבאָליזירט דעם רוימישן באַרבאַריזם. די אילוסטראַציע פֿון דער מטבע שטעלט פֿאָר אַ ייִדישע פֿרוי צוזאַמענגעבונדן אין קייטן אויף דער ערד אונטער אַ פּאַלמעבוים, באַוואַכט פֿון דעם שטאָלצן רוימישן לעגיאָנער.

אין דער צייט האָבן די לעצטע העלדן פֿון דער טרויעריקער מלחמה נאָך אַלץ געהאַלטן די פֿעסטונג מסדה. פֿאַר יעדן פֿאַרזוך צו שטורמען די פֿעסטונג האָבן די רוימישע לעגיאָנערן באַצאָלט מיט בלוט. גאַנצע דריי יאָר (פֿון 70—73). פֿאַרן לעצטן שטורם איז געקומען דער טראַגישער סוף. דער גאַנצער גאַרניזאָן, 960 נפֿשות, איינשליסלעך פֿרויען און קינדער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד (צוויי פֿרויען און פֿינף קינדער האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט — פֿאַרשטעקט אין אַ קעלער).

דאָס סימבאָלישע פֿון מסדה איז נישט דער אָפּגעריסענער, גרויזאַמער זעלבסטמאָרד, ווי קאָמענטאַטאָרן טוען דאָס זינלאָז איבערקייען. יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס (טראָץ זיין פּערזענלעכער שׂנאה צו די קנאים און זיין קאָלאַבאָראַציע מיט די רוימער) האָט אויפֿגעכאַפּט דעם סימבאָליזם פֿון מסדה אין דער רעקאָנסטרוקציע פֿון אליעזר בן יאיר׳ס לעצטער רעדע צו די פֿאַרטיידיקער פֿון מסדה. נאָכן פֿאַראָרדנען צו פֿאַרניכטן אַלע מאַטעריעלע וואַרטזאַכן, דערקלערט אליעזר בן יאיר: „איין זאַך וועלן מיר איבערלאָזן — די שפּייכלער מיט פּראָוויאַנטן“; „געדעקטע טישן“, „דאָס וועט עדות זאָגן נאָך אונדזער טויט, אַז מיר זענען אומגעקומען נישט צוליב דעם ווייל עס האָט אונדז געפֿעלט עסן, נאָר ווייל מיר האָבן אין לעצטן מאָמענט, באַלד ווי אין אָנהויב פֿון אונדזער קאַמף, אויסגעקליבן ליבער טויט ווי שקלאַפֿעריי“...

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

מערץ־אַפּריל 1979 נומער 6 (17) מעלבורן, אויסטראַליע


## שלום – צום שלום!

מיר זענען עדות פון אַ היסטאָרישער געשעעניש, ווען צוויי לענדער, וועלכע האָבן אין משך פון 30 יאָר מיטגעמאַכט 4 מלחמות — שרייבן אונטער אַ דעקלאַראַציע, ווו בײדע לענדער פאַרפליכטן זיך צו רעספּעקטירן די גרענעצן און די אומאָפּהענגיקייט פון שכן.

דאָס איז אייגנטלעך דער גרונט־פּרינציפּ פון יעדן שלום־אָפּמאַך.

אין פאַל ישראל—עגיפּטן איז דער ענין נאָך טיפער. פאַקטיש וועט עגיפּטן אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך מיט אַ לאַנד, די עקזיסטענץ פון וועלכער זי האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט.

מיטן באַזוך פון פּרעזידענט סאַדאַט אין ירושלים איז די אָנערקענונג געקומען, דע פאַקטאָ.

מיר וויסן נאָך נישט די פּאַראַגראַפן פון אָפּמאַך. (מעגלעך — אַז מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט וויסן; מעגלעך — עס איז אפשר גאָר נישט נויטיק זיי צו וויסן...).

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז פראַגן וואָס רירן אָן די סוווערעניטעט פון ישראל, האָט נישט בעגין און נישט עמעץ אַנדערש געקאָנט אויפגעבן, און איינע פון זיי איז — דאָס אומצעטיילבאַרקייט פון ירושלים.

אויפגעבן די גאַנצקייט פון ירושלים — מיינט אויפגעבן דעם גייסטיקן בונד מיטן היסטאָרישן גורל פון פאָלק.

פאַר אונדז, יידן אין דער וועלט איז גענוג דער פאַקט, אַז איינער פון ישראלס מיליטעריש שטאַרקסטער שכן, אַ לאַנד וואָס האַלט דעם שליסל צום סועץ־קאַנאַל (הגם דער קאַנאַל האָט שוין אַ סך פאַרלוירן פון זיין אַמאָליקער חשיבות) וועט איינשטעלן נאָרמאַלע, דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל.

עס איז נישט נויטיק אריינצולאָזן זיך אין דיגרעסיעס: פאַרוואָס דווקא בעגין? פאַרוואָס האָבן פריערדיקע רעגירונגען, פּאָליטיש מעסיקערע נישט געקאָנט דערגרייכן דעם שלום?

דער צייט־פאַקטאָר האָט וואַרשיינלעך דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, און פון וועלכע שטימונגען מיר זאָלן נישט באַווירקט ווערן — דריקן מיר אויס אונדזער פרייד מיט דעם דערגרייכטן שלום, און אונדזער אָנערקענונג פאַר די אַלע, וועלכע האָבן דערצו בייגעטראָגן.

## דער חוזק פון יוסטיץ

מיר ווערן ווייניקער — און מיר ווערן מידער — די עדות און קרבנות פון שוידערלעכן חורבן פון יידישן פאָלק בשעת דער נאַצי־תקופה אין אייראָפּע.

דער סימבאָל פון יידישן ווידערשטאַנד און גבורה — דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ (19טער אַפּריל 1943) הויבט אָן ווערן געשיכטע — אָנשטאָט אַ מאָנונג צום געוויסן פון דער וועלט פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון 6 מיליאָן יידן.

דער נירנבערגער פּראָצעס האָט זיך פאַרנומען מיט באַשטראָפן די שולדיקע קריגס־פאַרברעכער און מיט איבערלאָזן פאַר דער אייביקייט אַ באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס איז צונויפגעשטעלט לויט שטרענג יורידישע כללים פאַרזען מיט די געהעריקע באַווייזן; דאָקומענטן, עדות — איז דער פּראָצעס אפשר גיכער אַ וואָרענונג קעגן צוקונפטיקע קריגס־פאַרברעכער, איידער דער איניציאַטאָר פון אַ יורידישער קאָנטינואיטעט פון פאָרשן, אויסגעפינען און באַשטראָפן די דירעקט־שולדיקע אין אויספירן די בעסטיאַלישע מאָרדן.

פון געהיימע דאָקומענטן, צו וועלכע די עפנטלעכקייט האָט איצט אַ צוטריט, טויכט אויף אַ פאַרדריסלעך בילד, אַז: די פאַרבינדעטע (אַליאירטע) אין קאַמף קעגן נאַצי־דייטשלאַנד האָבן גאָרניט געטאָן צו באַשטראָפן די נאַצישע קריגס־פאַרברעכער, הגם עס איז געווען אין זייער מאַכט.

אין ערשטן יאָר נאָכן אָקופּירן דייטשלאַנד, האָבן די ענגלענדער דורכגעפירט נישט מער ווי 19 פּראָצעסן און פאַראורטיילט 63 נאַציס. צו פאַרדעקן דעם דורכפאַל אין דערפילן זייער פליכט — האָבן די ענגלענדער איבערגעגעבן דעם ענין פון די נאַצי־פאַרברעכער — צו די דייטשן גופא. שטילערהייט האָבן די ענגלענדער אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי 27 טויזנט ס.ס.־ און געסטאַפּאָלייט, וועלכע זיי האָבן געהאַט אַרעסטירט, כאָטש עס זענען געווען מער ווי גענוגנדיקע באַווייזן אין זייער שולד.

אין 1949 ווערט געשאַפן די ערשטע דייטשע רעגירונג. באַוווסטזיניק האָט מען פון אירע סטאַטוטן אַרויסגעלאָזט דעם תנאַי, אַז די רעגירונג דאַרף אויספאָרשן און צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלע נאַצי־פאַרברעכער. עס איז אויך נישט געווען קיין תנאַי — אַז געוועזענע נאַציס טאָרן נישט פאַרנעמען קיין אָנפירנדיקע רעגירונגס־אַמטן. דעריבער האָט זיך אין אַדענאַוערס קאַבי־

# אינהאַלט:


מ. א. — שלום צום שלום! דער חוזק פון יוסטיץ . . . . . . . . . . 1
ד"ר מ. פערשטענדיק — די סימבאָליק פון שטעט . . . . . . . . . 2
וו. יאַבלאָנסקי — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ . . . . . . . 5
ה. ליבעמאַן — רבי און נאַצי . . . . . . . . . . . . . 7
לאה זילבער — אונדזערע קינדער אין געטאָ 1943 . . . . . . . . 9
מיט געווער קעגן די נאַציס . . . . . . . . . . . . 11
י. מ. לעווין — די קללה (דערציילונג) . . . . . . . . . . 13
מאיר זייבל — עס פעלט... (ליד) . . . . . . . . . . . 16
ד"ר עזריאל נאַקס — סימבאָליק און רעאַליזם . . . . . . . . . . 16
סענדער בורשטין — אונדזער הילף דעם פוילישן יידנטום . . . . . . . . 18
מאַרק אָליפאַנט — דער תהום צווישן די רעגירער און רעגירטע (יידיש: מ. אלעקסאנדער) . . . . . . 20
סאָוויעט-רוסלאַנד ווערסוס מאַרינאַ טעמקין . . . . . 21
ש. בענעט — דער קימבערלעי-פּראָיעקט . . . . . . . . . . 24
ד"ר מ. פערשטענדיק — פון קעמפּ-דייוויד — דער לאַנגער וועג . . . . . . . 26
פראָפ. פּאָל ליפּצין — דער טויט פון משהן . . . . . . . . . . 27
חיים מאַלטינסקי — ס'איז דער פיקהאָלץ (ליד) . . . . . . . . . 28
י. זעמעל — די טראַגעדיע פון אַ העלדישן קאָמאַנדיר . . . . . . 29
אַ וואָלקן און אַ וועג . . . . . . . . . . . . 31
י. אָרבאַך — די וואַקכאַנאַליע ארום דער ציפער „6 מיליאָן" . . . . . 32
ב. ווינער — ווו זענען די 6 מיליאָן"? . . . . . . . . . 33
י. אָרבאַך — „קדימה"-פּראָבלעמען . . . . . . . . . . 34
צווייטער יידישער פאָלקס-פעסטיוואַל . . . . . . 35
באַגריסונג פאַר חוה ראָזענפאַרב . . . . . . . 36
מעם — פאַרבייגייענדיק... . . . . . . . . . . . . 37


פרייז 1 דאָלאַר

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

1943 — געטא־נומער — 1979

## געדענק די 6 מיליאן קדושים



פראָיעקט פון מאָנומענט, געשאַפן
פון דעם באַוואוסטן קינסטלער
נתן ראַפּאָפּאָרט

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן    נר. 6 (17)    מערץ–אַפּריל 1979